ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שמחת הנפש

אידיש

64

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ו לפ"ק

ספר

# שמחת הנפש

דעם הייליגען ספר האט מחבר געוועזן איין
גדול הדור איין גרוסר מאן כדי יעדער
מענטש זאל קענין זיין נפש משמח זיין מיט
דיא דברי מוסר אונ משלים אונ מעשיות פון
דער הייליגי גמרא אונ מדרשים:

אזוי וויא הרב הגאון האמתי רשכבה"ג רבי יהונתן זלה"ה שרייבט אין ספר יערות דבש ח"א דף ע"א · ואפילו נשים ובתולות חובה עליהם לקרות בכל יום ספרי מוסר הנדפסים בלשון אשכנז כגון שמחת הנפש וכו' ע"ש:

דאס הייסט אוך ווייבר אונ בתולות זאלין אלי טאג
ליינן אין דעם ספר שמחת הנפש אונ דורך דעם וועלן
זייערי הערצר זיין נוט צו גאט וועט זייא השם יתברך
העלפין אמן:

## ווארשא

בהוצאת בית מסחר הספרים של
האחים לעווין עפשטיין רחוב גענשע נו' 6

Drukarnia
L. Lewin - Epsteina
Warszawa, Pawia 38

אין דער גמרא תענית שטייט רב ברוקא האט אן גטראפן אליהו הנביא אוף דעם מארק האט רב ברוקא אליהו הנביא גפרעגט אוב אונטר דיא לייט די דא זענין אוף דעם מארק זענן מזומן לעולם הבא האט אליהו הנביא געענטפערט ניין. אונ דער ווייל זענן צווייא לייט אקעגין גגאנגן האט אליהו הנביא צו רב ברוקא גזאגט די צווייא לייט זענן מוכן ומזומן לעולם הבא איז דער רב ברוקא צו זייא גגאנגן אונ דאט זיי גפרעגט וואס איירי ווערקין זענן וואס פאר מדות טובות זייא האבין. האבין זייא געענפערט מיר זענן לוסטיגי לייט ווען מיר זעהן לייט די זארגין אונ טרויערין זענין מיר זיי משמח. דאס איז איין כלל ביי איינם גירעכנט צדיק איז ניט פר האנדן דאס ער עפים זארגן זאל דער ווייל ער איין נשמה קדושה האט וויא מיר ווייטר געפינן אין דיזען ספר. ווער דא טרויערט אונ זארגט אוף עולם הזה דער איז זיין הארץ ניט גאנץ מיט גאט נון די צווייא לייט אלס זיי האבן געזעהן טרויערן אונ זארגן זענן זיי צו אים גגאנגן אונ האבן צו אים גערעט אונ האבן אים צוא פאר שטיין געגעבן יראת שמים אונ אים אום צו וויזין מיט ראיות דאס מען ניקס זארגן זאל דא דורך האט זיך יעניר מיישב געוועזן אונ האט ווייטיר יראת שמים אן גנומן דא ארוף האט ער מקבל געוועזן עוה"ב דרום איז איר שכר אזו גרוס געוועזין. דרום האב איך אין דיזען ספר גבראכט פיל לומערי ראיות דעם מענטשין צו וויזין דאס ער ניקס זארגין זאל אונ אלי מדרייספונג דר בייא דען דער מענטש אין זיין לעבן זאל זיך ניט מצער זיין אוף האב איך גיבראכט דעם מענטשין צו וויזין דאס דיא נשמה ביי אים איז אונ זיא איז באשאפין געווארן גאט צו דינן: אונ דר ביי גשטעלט אלי דינים דאס איטליכר מענטש וויסען זאל ווי גאט צו דינן אונ ווער דא ווערט פול קומליך נאך קומן דען ווערט זיין שכר גאר גרוס זיין אונ ווערט זוכה זיין לעולם הבא דרום האב איך דיזין ספר איין נאמן געגעבן שמחת הנפש איך האב גשטעלט עטליכי מעשיות אוס גמרות דען איטליכר גמיינאר מאן ווייסט ניט אלעס. אונ ניט ח"ו. איך האב עפים נייעס ממציא געוועזין נייערט אלס וואס אין אונזר הייליגר תורה שטייט. אוך ספר צרי היגון מעתיק געוועזי עס שטייט אין מדרש איין בשמים קרעמער איז געפארין פון שטאט צוא שטאט אונ האט אוס גרופין ער האט איין קרייטכין צום לעבן ווער לוסט האט צו לעבין זאל קומן דאס קרייטכין איין צו קופן. אזו איז כל העולם גילאפן דאס לעבן קרייטכין צו קופן. אזו האט ער גנומן דאס ספר תהלים אונ די לייט געוויזן אונ צו זייא געזאגט זעהט אונ לינט דעם פסוק וואס דוד המלך שרייבט מי האיש החפץ חיים נצור לשונך מרע וגו' איז טייטש דער מענטש דער קיין בייז טוט אונ טוט דער צו גוטס אונ רעט קיין לשון הרע דער בקומט דאס לעבין בעולם הזה ובעולם הבא. אזו אוך מיינט ניט אז איך עפים שטראף אונ מוסר ודינים אוס מיינים קאפ שרייב איך בין צו גרינג דר צו. מיין שרייבן איז איין מלאכה אונ ווייניג חכמה דר ביי נייערט אלס

מוסר ודינים וואס אין אונזרי הייליגי תורה שטייט ווער ווערט אזו איין רשע זיין דיא תורה ניט האלטן :

משל איין מלך דר לאזט זיין בפעל באקאנט מאכן אין אלי ערטיר דר מיט איטליכר וויסן זאל זיך צו פר האלטן נאך דר זיין באפעל ניט נאך קומן און ליינט אים ניט דר ווערט שטארק געשטראפט ער קאן ניט זאגן ער האט עס ניט גוויסט ער האט זאכן דעם בפעל ליינן האט ער ניט גקענט ליינן האט ער זאלן פרעגן · אזו אוך אלי מוסר ודינים ווי מען דיא תורה זאל האלטן דאס איז מלך מלכי המלכים הקב"ה זיין בפעל איז איטליכר שולדיג צוא האלטין און נאך צו פארשטין און פרעגן נון דר לומדן דער קאן ליינן אין לשון הקודש אוך אין איין קהילה ווי לומדים זענין קאן דער נגיד נר מאן פרעגן אבר אין פיל ערטר וואס קיין לומדים זענין דא קאן מען ניט פרעגן און וועלכי לייט וואלטן גערן גיטט דינין און וויסין ניט · דרום האב איך גיטייטשט מוסר ותוכחות ודינים אוף טייטש דס איטליכר ליינן קאן · קאן זיך איטליכר איין שיעור מאכן אלי טאג צו לערנן דרינן · איך האף צוא השי"ת דס מען ניקס און רעכט ווערט גיפינדן דרינן ווען איינם דינגט עס איז עטוואס ניט רעכט לאז ער ערשט וואול נאך לערנן און ווען ער דר קלערט פר גוי"ם וואס ניט רעכט איז בעט איך זעלבסט מודיע רבים צוא זיין דס הורך מיר זאל קיינר נכשל ווערן · אבר אקוה להי דס ער כיך טוט פירן בדרך אמת דען פון זיין כבוד וועגן טוא איך עס · און איך האף צו השי"ת פיל מזכה דר מיט צו זיין דען דיא הערצר פון ישראל זענין גוט ווערין זיי זיך שטארקין קעגין דעם יצר הרע און וועלין ערונצט לערנן דען אוף ניקס איז אזו שטארק דער יצר הרע אז אוף לערנן ווען ער דעם בן אדם אן רייצט נישט צוא לערנן ממ לא מוט יענר אלי עבירות דארף ער דער נאך קיין מיא מיט אים צוא האבין דרום שטארקט איך אין דיזער זאך ווען איר וועט איין מאל ליינן ניט זאגט איך האב עס שון גליינט מען מוז וואול בקי זיין צו גאט צו דינן · אוך האב איך גשטעלט גאנץ בקיצור הנהגות וועגן בריאת הגוף מהגאון רבינו משה בר מיימון דס גהערט אוך ליראת שמים · אין דער תורה שטייט ונשמרתם מאוד לנפשותיכם דר מענטש מוז זיך אין אכט נעמין גיזונד צו זיין גאט צוא דינן · השי"ת איז מיין עדות שלכבודו האב איך ספר זה מלקט גוועזין מי יתן והיה לבב כל ישראל ליראה את ה' כל הימים בכן אחיי ורעי חזקו ואמצו לבבכם כל המיחלים לה' איטליכר זאל מזכה זיין זיך אים מיגליך איז און איטליכן אונטר ווייזן יראת שמים ותהיה משכורתכם כפולה בזה ובבא אמן

**מעשה איין שר אום דעם לאנד ערבי הט גשריבן צו דעם רבינו משה בר מיימון ער זאל אים רפואות שרייבן צו זייני וזולת אלי דיא דאגות**

האבן ביי אים איבר האנד גנומן דר דורך הט ער גהים שרעק אונ פארכט פר דעם טוט אונ דורך די דאגות קומט ער צו פיל חולאות האט אים דער רמב"ם תשובה גשריבן אדוני שר זאלסט וויסן אלס דס רוב חולאות קומן פון דאגות אונ פון גרוסי רוגז אונ פון שטארק טרויערן זעלבסט בפינר זיך אבר ניט ביי לייט די פרום זענין אונ שטראף אן געמן אונ איר טראכטן אין דר תורה טואן אונ זיא גאט בשמחה דינן · גייארט ביי דיא נארין אונ אמייל ווייבר די קיין שכל האבן דר וויל איר נשמה אזו שלאף איז אונ קיין מצות נאך גגאנגן אונ טראכטן אלס אוף עולם הזה אכילה ושתיה שיינע קליידר גאוה צו טרייבן ווען זעלבי איין גשעבניש צו קומט טואן זיא זיך שטארק דר שרעקין אונ האבין גרוס פחד אונ שרייאין אונ וויינן דר דורך קומן זיא צו חולאת אונ שטארבין · דס גלייכן ווען זיי איין שמחה צו קומט טואן זיא זיך אזו שטארק משמח זיין אלס מענכעס מאל שטארבין זיי פון גרוס שמחה אבר דיא צדיקים וחסידים דיא זיך משמח זיין מיט דער תורה אונ זיך גוויינן מוסר אן צו נעמן דיא שטארקן איר שכל איבר די טבע אונ שאט זיי ניט דיא דאגות · דס מאכט אלס ווייל זיא דען אמת דר קלערין דען ווען דר מענטש אלי די טובות פון דר וועלט הט ווייל ער לעבט אונ פלוצלונג שטארבט ער אונ לאסט אלס אונטר זיך וום האט ער נון דר פון דס גלייכין ווען זייא עטוואס ביין ווידר פארט נעמין זיי מיט פריידן אן פון גאט אונ טראכטן עס איז אלס בעסיר וויא גשטארבן אונ ווען זיי גלייך שטארבין זענן זיי מוסר איר נשמה בשמחה צו גאט זיי וויסן וואל אלס לטובה איז לעולם הבא דרום הייסן דיא חכמים דס ביין אונ גוט אוף דר וועלט נוטס אונ ביין וום ניט אמת איז דען פיל קומט דעם מענטשין צו ער מיינט עס איז גוט אונ אין אמת איז עס ביין ווי מענכי האבן זיך משמח גוועזן דס זיא עשירים זענין גוואורן אונ עס איז גוואורן צום אירן שלים מזל אונ עולם הבא פר לארין דר דורך · דר גלייכן ווי פיל זענין פון איר גדולה גקומן אונ ווי פיל האבן איר עושר פר לארן איז אלס גוועזן זיי לטובה אונ האבן דר נאך גאט גדנט אונ האבן מאריך ימים גוועזן אונ בטנוחה גלעבט אונ עולם הבא זוכה גוועזן דר כלל איז וום מען מיינט עס איז גוט איז לרוב ביין אונ לאדוני השר איז ניט נייטיג פיל ראיות צוא ברענגן גייארט אדוני השר זאל זיין הארץ שטארקן אונ דער וועקן זיך גוויינן צו לערנן אין ספרי מוסר אונ אין חכמת התורה ביז די נשמה זיך שטארקט דען ווערט אדוני השר זעהן וום וואר איז אונ וואר בלייבט אונ וואס פאלש איז דען ווערין זיך די דאגות אונ זיפצן מינרן אונ פיל מחשבות זיך אפ טאן אונ די נשמה וועט זיך פרייען אין אלי זאכן וום דר ליבר גאט צו שיקט · והעיקר אדוני השר זאל פר זיך נעמן אלס וום דר מענטש זארגט אונ זיפצט ענטפר אונ

אין נאך וואס פר ביי איז עס איז אים זיין ליבסטער געשטארבין ער האט גרוס
הזיק גהאט אודר ער זארגט וואס דא קומן ווערט · ער פארכט זיך עס ווערט
אים איין צרה צו קומן · נון איז וויסנטליך ווער געיארט שכל האט ווער דא
זארגט אויף וואס פר ביי איז דס העלפט ניט ווער זיפצט אויף וואס פר ביי איז
איז איין משוגענר אזו וואול דער מענטש ווערט זארגין ווארום בין איך ניט
בשאפן געווארן אז איין מלאך אונ האב פליגעל אין הימל צו פליהן זעלבעס
איז דאך איין שגעון · אזו וויא פיל וויניגער געהער מען צו זיפצן אונ זארגן
וואס פר ביי איז · דעסט גלייבן דר מענטש דר דא זארגט אונ האט מורא עס
וועט אים איין צרה צו קומן איז הכל הבל זעלבס טוען נארין אזו וואל אלס
דס ביין קאן קומן קאן דאס נוטס אוך קומן · ניהער מען זיין בטחון האבן
צו גאט אונ זיך משמח זיין מיט גאט ביי גאט איז אלס מעגליך אונ אלס
דעם מענטשין למובה צו שיקט זעלבס זאל אדוני שר נאך קומן דען ווען
זיך זיינע מחשבות אונ דאגות מינערין אונ וועט מאריך ימים זיין אמן׃
ביז אהער איז דר בריב וואס רב משה מיימון דעם שר תשובה האט געשריבן·
נון וייל איך האב געזען אז דאגה איין חולי איז איבר אלי חולאת ווי אלי
רופאים שרייבן עס קומט דר פון שווינדעל ווייטאג אין אלי גלידר שוועכט
דעם מאגן חולשת הלב אונ אנדרי חולאת וואס מען ניט אלס שרייבן קאן
אונ איז גורם מיתה אוך שטייט אין ספר בן סירא איז מזהיר אז דר מענטש
זאל זיך ניט דאגות צום הארץ נעמן דען פיל זענין דר פון געשטארבן וויא
מען אוך געפינט אין דר גמרא אז רוב עולם שטארבין פון דאגות אונ רוגז
אונ טרויערין אוך אין דער תורה מפורש אז זיפצן צו ברעכט דעם מענטשן
אלי זייני גלידר אונ מאכט צו גיין דס הארץ׃

מעשה איין מאל איז געוועזין איין חכם דר האט געזאגט צו איין שר אז דאגות
מאכט צו גיין דס הארץ פון מענטשין אונ דר שר האט עס געפרובט
אונ האט גנומן איין חיה וואס איהרי גדערים איז גליך ווי ביי איין מענטש אונ
האט דיא חיה אין איין פינסטר חדר איין געזעצט אונ האט איר דאס בעסטע
צו עסין געגעבן איין צייט דר נאך האט ער געלאזט דיא חיה דעם בוך אויף
שניידין האט ער געזעהן וויא דס הארץ איז צו גאנגן עס איז נאר אזו גרוס
געוועזין ווי איין האזיל נוס דס האט געמאכט ווייל זיא געזארגט האט אונ ווייל
זיא איין געשפארט איז געוועזן האט דר שר געזעהן אז דער חכם אמת האט ·
דיא חכמים שרייבין ווען דר מענטש שמחת הלב האט שפארקט זיך דאס
געבליט אונ פר שפרייט זיך אין אלי גלידר אונ איז רוט אויף דעם פנים אונ
ווען דר מענטש פיל זארגט מינערט זיך דס געבליט אונ גייט אום די גלידר
ארוס אונ זאמלט זיך נאר אין הארץ אריין דורך דעם ווערט דאס לעבין
גמינערט שלמה המלך האט אוך געזאגט דאגה בלב איש ישחנה די דאגות נעמט
דעם מענטש דעם שכל אוועק אונ ווערט משוגע אוך איז טייטש ישחנה
ער זאל אום רידין זייני זארג פר אנדרי לייט דיא זיך מצער זיין אויף זייני

צרות · דען ד״א טבע איז וועלכיר איין בעל דאגה איז דר האלט אין זיך ער מיינט ווען אים אקליני׳ אך צוא קומט האט ער מורה עס ווערט נאך א ו גרוס · דרום טוא איך אייך דס ספר פר שרייבן אייער הארץ צו שטארקן אין גאטס פארכט אונ בין פר זיכערט וועלכר מענטש דר דרינן לייגן וועט דעם וועט זיין הארץ דר פרייט ווער ן · וועד אפר שכל הט אונ בגערט יראת שמים דען איך שרייב אייך לוטר תורה אונ יראת שמים אונ ווער אוף גאט זייני פר זיכרונג הט דען טון ד״א דאגות ניקס שאדין ווי״א אין פסוק שטייט (משמועה רע לא יירא נכון לבו בטוח בה׳) · איז טייטש ווער זיין פר זיכרונג צו גאט שטעלט פארכט זיך ניט פר קיין גישעבניש אין דר וועלט :

מעשה הילל הזקן איז אמאל גקומן פון וועג הט ער גהערט איין גרוס גשריי יעמרליך אין דער שטאט הט ער גזאגט איך בין בטוח דס איז ניט אין מיין הויז · ווייל הילל האט גווים גהאלטין זיין הויז גייגר ווען גלייך גאט הט די גרעסטי צרה זי צו גשיקט זאלן זיי מיט שרייאין אונ וויינן אונ פר ליב נעמן פון גאט · דרום האט ער גזאגט איך בין בטוח אז דס גשריי ניט אין מיין הויז איז דען ער הט וואול גוויסט אז זיין הויז גזינד גאטס פארכטיג זענין אונ פון גאט אלס פר ליב אן נעמין דען דאס גוטס אונ בייז איז אוס גמישט אין איינים מען וויים ניט ווס גוט איז דען מענטש · דרום וועלכער מענטש דער דא ניט בגערט ווס אים גאט בשערט דר איז ניט ווערט דס אים טראגט די״א ערד · אונ ווער זיין פר טרוען צו גאט שטעלט דר האט ביידי וועלטין : אונ ווער אוף דער וועלט צרות האט אונ גייט אים ניט עבין דר דורך באקומט ער דס אייביג לעבין · דרום זאל דער מענטש ניט זייער טרויערן ווען ער הט שלעכטי מערכה · אונ ניט זייער משמח זיין ווען ער הט גרוס הצלחה · מען זעהט מענכן טאג שיין העל אונ קלאר אונ פר ענדרט זיך קומט דר נאך רעגן · דער קרוג גייט אזו לאנג צום ברינן ביז ער צו ברעכט · דרום גיהערט דר מענטש זיך ניט״ב א״ה האלטן האטשי ער הט גרוס גדולה אונ דארף ג״ט מער צו טראכטן נאר אוף תורה ומצות אונ זיך משמח זיין ווען אים צרות צו קומט דען ווען דר מענטש קיין גליק הט אוף דר וועלט הט ער הצלחה אוף יענער וועלט · נון ווייל דס טרויארן הארץ ווייטיג איז אונ די נשמה קראנק מאכט אונ ווען איינר ניט וויים זיין קרענק קאן ער קיין רפואה האבן. דרום וויל איך מפורש זיין די קראנקהייט פון טרוארין אונ גרינגע רפואה דר צו שרייבן ווס ווייניג געלד קאסט ווי משה רבינו הט גזאגט ראה נתתי לפניך החיים והמות הטוב והרע ובחרת בחיים וגו׳ כי קרוב הדבר מאוד בפיך ובלבבך לעשותו :

משל איין חולה דער זייער קראנק איז אונ אלי רופאים זאגן אים דס לעבין אפ דא קומט איין רופא צוא אים אונ זאגט ער וויל אים מיט גאטס הילף העלפן אזו הט דר מענטש איין גרוסי שמחה דאך איז ער זיך מצער עו מיינט עס וועט אים פיל געלד קאסטין אזו זאגט דר רופא צוא אים זיי

דיך ניט מצער דוא דארפסט גישט מער ברוכין איין גרינג קרייטוכץ דאס וואקסט אוף דעם פעלד אונ קאסט דיך קיין געלר אזו איז דר חולה נאך מער בשמחה אונ אזו האט אוך משה רבינו צו ישראל גזאגט זעט איך ליג איך צוויא וועגן דעם ביזין וועג אונ דעם טוט וועז איר זענט ניט פרום אונ דעם גוטין וועג אונ דס אייביג לעבן וועז איר זענט גוט אונ פרום אונ טוט תשובה אונ איר זאלט ניט מיינן די תשובה איז איין שווערי רפואה וואס קאסט געלד נייארט איין גרינגי רפואה (כי קרוב הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו) דוא זאלסט חרטה האבן אוף דייני עבירות מיט גאנצן הארץ אונ מצות טוהן ווייטער אזו אוך וויל זיך דיא דאגות ניט באפינדן בייא פרומי דיא דאגות האבן אוף עולם הזה אונ די איר נשמה קראנק דרוף בעטן מיר אין שמונה עשרה רפאנו יי ונרפא דס מיינט מען גאט זאל היילן דיא נשמה דיא קראנק איז דרום שרייב איך איך איין גרינגע רפואה צו דיא דאזה ווער איז איין צדיק וועט דיא רפואה צום הארצין נעמן ווער איין רשע איז אונ וועט ניט אן נעמין איז זיין נשמה אזו קראנק דעם ניט צו העלפין איז וויא דעם דער וואס זארגט אוף זיין געלד ער זאל עס ניט פאר לירין אונ באדענקט ניט וויא זיינע טאג איינר נאך דעם אנדרין צום טוט צו וואנדרין נון דיא דאגות אונ מרורין קומט דעם מענטש אדר ער הט פר לורן וואס אים ליב איז אודר ער קאן ניט האבן וואס איס גלוסט . נון דוא נארישיר מענטש וויא איז איין מענטש אוף דער וועלט גיוועזין דר ערלאנגט הט וואס אים הט גיגלוסט אודר אים גבליבין איז וואס ער הט גהאט אלס ער זיין טאג קיין שאדין גיליטן הט . נון ווארום זאלסטו דייני זארגן אן ליינן אוף געלד אונ גוט צו זאמלין אונ וואול לוסט פיל ברענגן וואס אין אוגין בליק אוועק איז אונ טוסט ניט טראכטן אוף יראת שמים אונ תורה ומצות מקיים צו זיין וויא שלמה המלך הט גזאגט (יראת יי תוסיף ימים ושנות רשעים תקצורנה) וועלכה יראת שמים הט דר מערט צוא לעבן אבר דר וואס טראכט אונ זארגט אוף עולם הזה דער דר קערצט זיין לעבן . נון וועז ער איז איין בעל דאגה דר ווערט פול אונ טרויג אונ קאן זיינע זאכן ניט רעכט נאך גיין אונ זיין עשירות בלייבט ניט (מרבה נכסים מרבה דאגה) וויא מער געלד איז מער זארג ער מוז מורא האבן פר גניבות כל העולם איז זיך מקנה אן אים וויא מען גפינט ביי יוסף ער הט גזאגט צו דיא ברידר זיין חלום האבן זייא זיך אן אים מקנא גוועזן אונ האבן אים גוואלט אום ברענגן בלשצר איז בעסטין אין דר נאכט אלס ער איז וואול גימוט גיוועזן אונ הט גזינדגט איז ער פאר אום גליקט גווארן . אוך האט שלמה המלך גזאגט עושר שמור לבעליו לרעתו דס איז אזו טייטש ביי מענכע עשירים איז דס עשירות אים צו בייזין לעבן וויל ער עשירות האט אונ אימער אוף געלד טראכט קאן ער גאט ניט רעכט דינין . משה רבינו הט ישראל אוך פיל מאל מזהיר גוועז וועז זייא וועלן פיל גוטס האבן זאלן זיי גאט ניט פר געסין וויא אין פסוק שטייט

ובקרך

(ובקרך יצאנך ירבין וכסף וזהב ירבה לך ורם לבבך ושכחת את יי אלהיך) דוא ווערסט
פיל שאף אונ רינדער אונ זילבר אונ גאלד האבן ווערט זיך דיין הארץ דר
הייבן אונ ווערסט אן גאט פר געסן · דוד המלך הט גזאגט (אשרי האיש ירא
יי במצותיו חפץ מאד גביר בארץ יהיה זרעו) וואול דעם מענטשן דר גאט פארכט זיך
איז אונ באגערט זיין מצות נאך צו קומן דר ווערט זיין איין גבור אונ זייני
קינדר גבורים זענין ווען ער דאס טאבט אין יראת שמים ווערט ער ניט
קראנק פון דאגות אונ גוויינט זיין קינד דאס גלייבן אזי דער בעל דאגה
טוט זיך ווייא אונ זיינע קינדר ווערן אויך אזו וואול בעלי דאגות אונ רגזנים
דר נאך שרייבט דוד המלך (דור ישרים יבורך) דס גירעכט פארטייע דור ווערט
גליקליך זיין · די גמרא אגט (מלח ממון חסר) ווער זיין געלד ניט רעכט אלצן
מוט דעם מאנגילט עס דען זיין געלד מינרט זיך · שלמה המלך הט אויך
גזאגט (יראת יי לחיים ושבע ילין בל יפקד רע) דער איין יראת שמים איז דער איז
ניט גורם מיתה אונ טוט זאט זיין ער פארכט זיך פר קיין גישיכניש ווייא
דר בעל דאגה דר האט גרוס פחד אונ איז ניט זאט כל ימיו (אין אדם מת
וחצי תאותו בידו) דר מענטש דר וואס זארגט אויף געלד הט זיין טאג ניט
גנוגן די העלפט · הט ער טויזנד וויל ער הבין צוויי טויזנד הט ער צעהן
טויזנד וויל ער האבן צוואנציג טויזנט דרום האבין אונזרי חכמים גזאגט
איזהו עשיר השמח בחלקו דר זיך באנוגן לאזט · אך מאכט עשר אויף ראשי
תיבות עינים שנים ידים רגלים · חלקו מאכט חום לח קר ויבש דען
איטליכר מענטש הט דיא פיר יסודות ווען זיא אין גראדין שטאנד שטיין
אונ דען זייני אויגן צוויי הענט פיס גראד וענן דער איז איין עושר דרום
עפינט אייערי אויגן אונ זעהט דעם אמת ווען מען איינן פיר שטעלט איין
קעסיל פיל קולן אונ איין קעסיל פיל גאלד אונ מען גיבט אים דס ווילן ער
זאל זיך נעמן וואס ער וויל וועלכיר נאר ווט זיך קולין נעמן אונ גאלד
שטיין לאזין אונ מיר מענטשין האבין קיין שכל ניט אלי די תענוגי עולם
הזה איז הבל ניקס אלס קולין אונ תענוגי עולם הבא איז חשוב אונ מיר
טראכטן ניט אויף דאס לעצטי תכלית אונ טוהן אונזר זארג אונ טראכטין
אויף עולם הזה געלד צו זאמלן גוטן שטאנד צוא פירין אונ אין איין רגע
איז אלס פאר לורן אונ טוט דאך זיין לעבן דריבר וואגן פון משא ומתן
וועגן אונ טראכט ניט איין מענטש איז ווייא איין שאטן אין דר וואנד פר
בייא גייט וויא איין ערדינר שארבן דר באלד צו בריכט אדיר ווי איין בלאט
ווס באלד פאר דארט ווער איז רייכיר געוועזן אלס שלמה המלך וויא אים
דר אשמדאי האט ארוס גווארפין איז אים נישט מער איבר גיבליבן אלס
זיין שטעקן איז ער דר מיט ארום גגאנגן אונ האט גיזאגט דאס איז מיין
טייל פון מייני ארבייט · לאזן מיר זעהן ווי פיל מענטשין די דורך זום גליק
זענן מכולה אונ ארום גיווארן מוזין בעטלין פון איין שטאט צו דר אנדרר
אונ ווען מען שטארבט נעמט מען פון אלים נאר נישט מיט :

משל איינער הט דרייא גוטי פריינד איינער איז זיין לייב פריינד דר אנדרר איז אוך אגוטר פריינד אונ דעם דריטן הט ער פאר ניקס גיאכט · פלוצלונג קומט איין שליח נאך דעם מענטש ער זאל גשווינד צום מלך קומן דער מענטש דער שרעקט זיך זייער ער דענקט זיך וואס זאל דאס בטייטן דס דר מלך נאך מיר שיקט אונ פארכט זיך זייער אונ גייט צו זיין לייב פריינד ער זאל מיט אים גיין צום מלך דא וויל ער ניט מיט אים גיין דא גייט ער צוא דען אנדערן פריינד ער זאל מיט אים גיין צום מלך דא זאגט ער איך וויל דיך בלייטן ביז אן דעם שלאס אבר ווייטר וויל איך ניט גיין דא גייט ער צו דעם דריטן פריינד דס ער גאר פר ניקס גאכט הט דא שפראך ער איך וויל מיט דיר גיין צום מלך אונ פר דיר ממליץ טוב זיין אונ איז מיט אים גגאנגין אונ הט פר אים ממליץ טוב גוועזן · אזו אוך דיא דרייא פריינד איינער דס איז געלד דער אנדרר דס איז זיין ווייב אונ קינדר דר דריטר פריינד דען ער גאר פר ניקס הט גהאלטין דס איז דיא תורה אונ מצות אונ מעשים טובים דס אכט דר מענטש פאר ניקס · דער מלך דס איז מלך מלכי המלכים הקב"ה דר שליח איז דר מלאך המות דעם שיקט גאט פלוצלונג ער זאל דעם מענטש זיין נשמה נ׳מן אונ זאל קומן דין וחשבון אפ געבן דר בעסטער פריינד איז דס געלד דס בלייבט דר היים ווען ער גלייך נאך אזו פיל הט קאן ער דאך ניקס מיט נעמן · דער אנדרר פריינד איז זיין ווייב אונ קינדר גייאן מיט ביז צום קבר שרייאן אונ ויינן קענין אים ניקס העלפן דער דריטר פריינד איז תורה ומצות ומעשים טובים דאס אכט דר מענטש פאר ניקס דאס גייט מיט אים צום מלך הקב"ה ווען ער פיל זכות האט אזו ווערט ער ניצול פון דין וחשבון וויא אין פסוק שטייט (והלך לפניך צדקך) דס איז ווען דר מענטש שטארבט גייט פר אים זיין צדקה ווען ער הט רעכט צדקה גגעבן אונ איז אים מציל פון גיהנם אוך אנדערי דינים ועונשים וועט דר מענטש נאך זיין מוט מוזן אום שטיין :

מעשה מונבז השר דר האט אלי אוצרות אוועק גגעבן ארימע לייט וואס זיינע עלטרן איין גיזאמלט האבן דיא חכמים אוף אים גיהאט פר איבל אלם ער אלי אוצרות לעד האט גמאכט הט ער צו זיי גזאגט זייא האבן אוצרות גמאכט אונ האבן נאך אירין אלעם אונטר זיך גלאזן אוף דער וועלט אבר איך מאך מיר אוצרות אין הימל דיא איך מיט נעם אוף יענר וועלט הט מיך בש רמט פון די בימרי עונשים וום דער מענטש אוף יענער וועלט ליידן מוז אונ מאך מיר איין הובן שטול אין גן עדן · דרום דו בן אדם טוא אפ דיינע דאגות אונ קויף די סחורה אלעס דו דריוח דראן האסט אונ איביג בשטאנד הט דס זעלביגי איז תורה ומצות דס קאן קיין גזלן אוועק נעמן קיין חכם קאן מען זיין חכמה אוועק געמן קיין למדן קאן מען זיין תורה אוועק נעמן קיין ירא שמים קאן מען זיין יראה אוועק נעמ

אונ

אונ צוא דעם קאן איטליכר מענטש קומן ווען איינר טראכט אוף געלט
צו זאמלן איז איטער נאך איין גרעסרר עושר פר האנדן הט ער דאך דאוות
אונ איז יענעם מקנא אבר פרום זיין דס קאן איטליכר טאן אוף דעם הט
דוד המלך גזאגט דו זאלסט דיך נית מקנא זיין אן איין רשע דעם עס וואול
גייט אונ הט עשירות דס איז הכל הבל נייארט זיא דיך מקנא אן דיא לייט
דיא אין גאנצין טאג יראת שמים נאך גיין אונ תורה לערנין · די גמרא זאגט
קיין העכמר למדן ווערט נית אוז רים אלס ער פרום אז ער בדארף בעפלן
פר די טירין צו גיין · אונ ווער זיך קופט דיא סחורה אונ דר מיט מגג
ער זיך באריבן דען איז דער מענטש זאל בשאפן ווערן פרעגט איין מלאך
השי"ת וואס אוס דעם מענטשן ווערט זיין חכם אודר איין גבור אודר איין
עושר אבר אונ ער איין צדיק אודר איין רשע זיין זאל דס פרעגט דר מלאך
נית דען דס איז נית בידי שמים עס ווענט זיך אן מענטשן זעלבסט · ער
הט מאכט פרום צו זיין אודר נית וויא משה רבינו הט גיזאגט צו ישראל
(מה ה' שואל מעמך כי אם ליראה) גאט בגערט ניקס מער פון דיר אלס יראת
שמים דס האט דר מענטש אין זיינר גוואלט אבר קלוג אונ שטארק אונ
רייך דאס איז פון השי"ת אין וס פר איין מזל ער גיבארין ווערט דרוף האט
דער נביא גזאגט דוא זאלסט דיך מיט גבורה אונ חכמה אונ עושר נית
בארימן נייארט בארים דיך ווען דוא ירא"ש האסט מיר בעטין אלי **טאג**
(למען לא נגע לריק) מיר זאלן זיך נית באמיען אום זונסט גיוויס ווען דר מענטש
זיין קאפ מבלבל איז מיט דאגות אום עה"ז וועגן איז אלס אום זונסט ווען
ער איז דר גרעסטי שמחה האלט ווערט אים פר שטערט דר צדיק גרייכט
שמחה בעה"ז ובעה"ב עס **שאט** א ם קיין דאגות ער בגערט נית אלס דיא
נשמה צו דר האלטין וויא אין פסוק שטייט (צדיק אוכל לשובע נפשו ובטן רשעים
תחסר) דר צדיק עסט נייארט די נשמה צו דר האלטן לאזט זיך בניגן אונ
דר בוך פון די רשעים הט קיין מאל גנוגן · איין בת קול איז אום גאנגן
פון היכל אונ גרופן דיא גאנצע וועלט ווערט גישפייזט פון וועגן זכות רבי
חנינא בן דוסא אונ מיין זון חנינא לאזט זיך באנוגן מיט איין מעסטיל
באקס רין פון איין פרייטיג צום אנדערין רשב"י דר דען זוהר גימאכט
הט איז מיט זיין זון אלעזר דרייצעהן יאר אין איינר הייל גוועזן אונ השי"ת
הט זיי איין באקסארין בוים לאזין וואקסן דר פון האבן זייא גיגעסן · אונ
איין קוואל וואסר דר פון האבן זיי גיטרונקן גאנצע דרייצעהן יאר אונ
זענן גזעסן ביז אן איר האלז אין זאנד אונ האבן תורה גלערנט ניקס מער
ווען זייא האבן תפלה גטאן האבן זיי דיא קליידר אן גטאן אונ וויא זייא
זענן אוס דר הייל גגאנגן האט דיין שווער רבי פנחס בן יאיר זיין איידעם
רבי שמעון בן יוחאי אין ברחין ארין גפירט אפ צו וואשן הט ער גזעהן
וויא זיין לייב איז לוטער וואונדן גיוועזן אונ דר רבי פנחס הט גיוויינט אונ
זיינע טרערין זענין אוף רבי שמעון צווישן דיא ווונדן גפאלן האבין אים

גביסע

גביטען הט רבי פנחס געבראכן ווי מיר אלס איך דיך אין זעלכר געשטאלט זעהן טו . הט רבי שמעון צו אים געזאגט וואול צו מיר אלס דוא או זעסט זען ניט העסטו די מעלות טובות ניט אן מיר געפונדען וויא יראת שמים אונ חכמה אונ כוונות התורה האב איך געלערנט ווי אויך אלי ספרים פון זיי שרייבן וואס ער פר איין מאן געווען איז פון דאנען איין ראיה צוא נעמן זיך בעניגען צו לאזין ניט צו זארגען אויף עולם הזה וויא חסידים ואנשי מעשה זאלבע לאזין זיך בעניגען אונ זענין זיך משמח ווען זייא יסורים צוא קומט די גמרא זאגט ווי רבי אליעזר איז קראנק געווען זענין זיינע תלמידים געקומן מבקר חולה צו זיין הט רבי עקיבא געבראכן מיין רבי זענן איך ליב דיא יסורים הט רבי אליעזר געזאגט זעצט מיך אויף לאז מיך מיין תלמיד עקיבא צו הערין . דוד המלך עליו השלום הט אויף זיך מקבל געווען יסורים דס ער זעקס חדשים איז מצורע געווען . רבי יהושע בן לוי זאגט דער זיך משמח איז מיט יסורים דער ברענגט הילף דר וועלט אונ די חכמים זענן געוואונט געווען צו שפרעכן אימר ווי גלויבט זענין יסורים דס איז די מדה פון צדיקים אונ חכמים אבר דס גמיין פאלק נארין די וואוגערן זיך אונ טואן שטארק מורערן ווען זיי וואס פר לירין עס זיי אן גוף אודר געלט דר שרעקן זייא שטארק זיי מיינן עס דארף זיי ניקס צו קומן . דרום ווער שכל הט אונ נשמה אין זיך האט דער זאל ניט אן זיך נעמן דיא מדה פון פר שטאפטי הערצר נייארט די מדה פון וואר האפטעני לייט אונ מקיים זיין וואס דיא חכמים שרייבן . ווען דיר ניט צו קומט וואס דו פר לאנגסט . פר לאנג וואס דיר צוא קומט אונ או וואול אלס דר מענטש מחויב איז ביטערי קרייטיך איין צו נעמין זיינע קראנקהייט צו היילן אונ זיך לאזן גיר אפ שניידן ווען דר קאלטי בראנד איבר האנט נעמט אונ לאזט זיך נאך דר צו פיל געלט קאסטן בייא די גרוסע יסורים וואס ער ליידען מוז דס טוט ער אלס זיין גזונט צו דר האלטין מכל שכן דס זיך דר מענטש מוז זוכן איין רפואה זיין נשמה צו פר רעכטין די נשמה איז בעסר אלס דר גוף די נשמה פירט דעם גוף די נשמה איז גלייך אלס איינר הט איין שיינע כלי אונ מאכט איין פוטראל דר צו אז עס זויבער בלייבט או איז דר גוף ניקס מער אלע פוטראל צוא דר נשמה געהערט מען ביטערי קרייטך איין צו נעמן צוא רפואות נשמה מער אלס רפואות הגוף בפרט בדרפסט קיין ביטרי קרייטך איין צו נעמן אונ קאסט דיך אויך קיין געלט נייארט זיך צוא געוויינן אין מדות טובות ערשטליך אין קליינע זאכן דר נאך אין גרוסי זאכן איינצייג וויים צוא געוויינן ביז מען געוואונט איז אין גרוסי מדות טובות או וואול אין קליינע בפרט אין דר יוגנט געהער דר מענטש זיך צו געוויינן יראת שמים אן צו נעמן ווען איין בוס נאך יונג איז לאזט ער זיך בייגן קאנסטו דען יצר הרע בצווינגען אשרי הגבר ירא את ה' מנעוריו וואול דעם מענטשן דר אין דר יוגנט אין גאטס דינסט טרעטין טוט :

משל איין וועלשינע נוס וויל זיא פריש איז קאן מען זיא גרינג שיילן אבר
ווען די נוס אלט איז לאזט זיך שווער שיילן אזו אויך ביי ציימן גרעט
אין דר תורה׃ (פק׳ די יי ישרים משמחי לב) די תורה דר פרייט דס הארץ (מצות
יי ברה מאירת עינים) די מצות פון השם יתברך זענין לוטר דר לייכטן די אויגן
וויא מער תורה דר מענטש אין זיך האט אונ וויא גרעסר צדיק ער איז אזו
מוט זיין פנים מער לייכטין אלס איין רוו ווען ער גלייך קיין תענוגים נאך
גייט אבר דר מענטש דר תאוות האט דעם איז זיין פנים בשווארצט מען
דר קענט אן דעם פנים אן די אויגן ווער דא זארגט אונ טרויערט׳ ביי אמנון
שטייט (מדוע פניך רעים יחנך אינך חולה) ווארום זעהסט איבל אוס אויף דעם
פנים אונ דוא ביסט ניט קראנק דען דר אמנון האט זיך פר ליבט גהאט אין
תמר זיין שוועסטר דס איז חולת אהבה דאס גייט איבר אלע חולאת די
רופאים שרייבן דר מענטש ווער זיך אן איין זאכה פרליבט דער האט קיין
אנדערי רפואה אלס פון איר אפ צו גיין אזו ווער זיא פר געסט פרעט די
זארג פון אים אונ דאס חולאת אהבה פר גייט אזו געהערט דר מענטש זיך
אפ גוויינן זיינע תאוות עולם הזה דען אלס ווס איין אן פאנג האט נעמט דס
איין ענד (והחכם עיניו בראשו) ווער איין חכם איז דער זעהט אלין דער סוף
עולם איז דר שבת ארבעט דער ווערט גפירן דער פר לירט דער געווינט אונ
טראכט זאלבס קאן מיר אלי שעה ווידר פארן אונ אכט אלס נאר מען ניט
דען עס איז אלס פאר נעגליך אונ איז מקיים תורה ומצות אונ ווען אים
דאס גרעסטי שאדן צוא קומט איז ביא אים גלייך אלס ער אין קליינע
זאך וואלט פר לורין. אבר דר נאר איז גלייך אלס ווי איין בהמה ווען ער
עפיס שאדין האט מאכט ער אזו גרוס אונ גוט גרורין אונ זארגין גלייך ער
האט מאה אלפים פאר לוירין אונ ער מוט עס ניט אוס זיין זין שלאגן
אונ איז זיך מבלבל אונ פר געסט זיינע עסקים דא דורך הן אין לערנין הן
אין תפלה קאן ער קיין מאל בכוונה מן ווייל ער פיל דאגות אין קאפ האט
ער איז ניט זוכה אפילו שמחת שבת רעכט האלטין אין שבת דארף
מען ניט זארגין אונ קיין צער האבין קאן ער ניט אוס דען זין שלאגין
זיינע דאגות׳ מען געהערט אונגר זיך צוא זעהן עס זענין פיל ארימע לייט
פר האנדין וויא רבי עקיבא האט כלבא שבוע זיין טאכטר גנומן אונ האט
גרוס עניות גיהאט איז אליהו ז״ל ווייא גקומן אונ זיי גבעטין אום איין ווייניג
שטרויא די מעשה איז בוואוסט האט רבי עקיבא זיין ווייב גיטרייסט זעה דר
מאן האט קיין שטרוא אויך ניט אונ האבן זיך משמח גוועזן מיט איר דלות
אונ זענן גוט אונ פרום גוועזן אונ גאט רעכט גדינט דר נאך האבין זיי זוכה
גוועזן צו גדולה בעולם הזה ובעולם הבא דער כלל איז דיא חכמים שרייבין
דעם אמת וועלכר מענטש דר תאוות אונ צער האט ווען עולם הזה דער
מיינט עס ניט עריגסט מיט גאט ווען זיין נשמה איז ריין דען גייט קיין
פרערין אונ זיפצן׳ איין חכם האט געזעהן איינעם שטארק זארגין האט ער צו

אים גזאגט זארגסטו פון דר וועלט וועגן זאל גאט דיין זארג מינערן זארגסטו
אויף עולם הבא זאל דיר גאט דיין זארג מערן דען אויף עולם הבא געהער
מען יוא צוא זארגין (מה יתאונן אדם חי גבר על חטאיו) דאס האט ירמיהו הנביא
גזאגט ווייל דער מענטש לעבט זאל ער זארגן אויף זיינע עבירות זאל ער
וויינען און קלאגן און אויף ביטול תורה און אויף העם כבוד פון השם יתברך
און אויף חרבן בית המקדש וירושלים דאדורך איז ער זוכה בשמחת
ירושלים שטייט אין פסוק (שישו כל המתאבלים בה) עס ווערין זיך פרייען אלי
דיא טרויערין אויף ירושלים דרוף איז איטליכר מחויב יעמרליך צו טרויערין
דס מען באלד זאל זוכה זיין בשמחת ירושלים:

מעשה איין חכם האט גהאט פיר שלעסיר איז אים איינר דער פון פאר
ברענט געווארן איז איינר פון זיינע ליב האביר צוא אים גקומן דער
הט קעגין אים גטרויערט און מצער געווען ווייל אים דס שלאס איז פר לארן
געווארן הט דר חכם אים אום גלאכט און צו אים גזאגט וואס זארגסטו אויף
מיר זענין דאך נאך דרייא שלעסר מיר איבר גבליבן און דוא האסט ניט
איינעם דיין איינגס און דיא לייט דיא איר שכל ניט ווייטר גרייכט
ווען ער האט צעהן כלים וויל ער האבין צוואנציג אימער וויל ער
מער האבין (אוהב כסף לא ישבע כסף) ווער זילבר ליבט ווערט ניט זאט פון
זילבער גלוסט אים מער צו האבין איך וואלט מיר גערין גילדני כלים מאכן
הט ער גילדעני וויל ער זיך גערין מאכין מיט דימאנטן בזעצט דס גלייכין
און אלי זאכין וויל ער האבין פון בעסטן און דר נאך טוט ער ניט פון זיך
אפ דיא בייזי מחשבות און הט דאגות און צער און טרויערט דס ער ניט
יענס אלס נאך מאכן קאן און ער הט עס ניט נייטיג. און אלי צייט אין
עושר איז זייני גדאנקן און טראכטן זאלט איך פיל געלד האבין וואלט
איך מיך אזו פירן וואלט מיר דס און דס מאכן וואלטן מייני קינדר גרוסי
נדוניות נאך געבין און ניט דס ער טראכט זעלט איך איין עושר זיין וואלט
איך בית המדרש בואן וואלט איך פיל גוטס טאן דער ארים מאן איינם
בפעניג צדקה גיבט איז אזו פיל אלס דען עושר זיין טאליר איטליכר נאך
זיין פרמעגין און זיינע גדאנקן די ער קאן אן לייגן אויף תורה ומצות לאזט
שטיין און טראכט אויף זעלכי נארישע גדאנקן און דער צו ווענט ער זיין
לעבין דריבר. פארט איבר דעם ים טוט זיך אין סכנות געבן. וועגן ער
פר איבריגן וויל דס ער ניט נייטיג הט. וויא מען גפינט יהודה בר נתן איז
נגאנגין נאך רב המנונא האט רב המנונא גזעהן וויא דער יהודה זיפצט
שטארק האט ער צוא אים גזאגט דוא מאכסט דאס גאט יסורים אויף דיר
יערט שיקן דען עס שטייט אין פסוק פחדתי ויאתיני איז טייטש איך האב
מיך פריער גפארכטן דרום איז עס מיר צוא גקומן און ווען זעלכי לייט
גישטראפט ווערן זענן זייא מתרעם אויף דיא גזרות ומשפטים וס גאט זייא
צו שיקט וס אים בילך צו קומט ווי די גמרא זאגט איין תלמיד איז מיט

ר' ישמעאל בר יוסי גיגאנגען אונ הט זיך גפארכטן הט ר' ישמעאל צוא אים גזאגט דו ביסט איין חוטא דען עס שטייט אין פסוק (פחדו בציון חטאים) עס האבן זיך גפארכטין אין ציון דיא זינדיגר הט דר תלמיד גפרעגט רבי עס שטייט יוא אין פסוק (אשרי אדם מפחד תמיד) וואול דעם מענטשן דער זיך שטעט פארכטן טוט האט ער אים געענפרט דאס גייט אוף דברי תורה דא ארוף זאל דר מענטש זארגין אונ טראכטין טאמר דינט ער גאט ניט רעכט אונ האלט תורה ומצות ניט רעכט וויא עס זיך גבירט דוד המלך האט גזאגט (כל ארחות ה' חסד ואמת לנוצרי בריתו ועדותיו) די וועג פון גאט זענין לוטר גנאד אונ ווארהאפטיג צו דיא לייט דיא זיינע תורה ומצות היטן דען דיא חשובים חכמים צדיקים פר שטייען דעם וועג פון גאט אונ איז זיי אלס גלייך אונ באנגערן ניקס מער פון גאט גייארט דס זייא נייטיג האבן דס לעבן צו דר האלטין. יעקב אבינו הט ניקס מער פר לאנגט פון גאט נייארט ברוט צו עסין אונ איין קלייד אן צו קליידן שלמה המלך הט גבעטן (הטריפני לחם חוקי) שפייז מיך מיט טעגליך ברוט. וויא וואול דוד המלך איז איין מלך גוועזן אונ הט אלי טאג סעודת מלכים לאזן צוא רעכטין האט ער דאך דר פון קיין הנאה גהאט אונ האט זיינע סעודה צו דיא עניים פאר טיילט אונ ער הט תענית גהאט ווייל ער גלעבט האט. בן אדם טוא דיין שכל אונ זעה אלס וואס מען צו נייטיגסטין הט דס איז מער צו פינדין אונ צו קריגן למשל דער מענטש האט נייטיג עסין אונ טרינקן אונ לופט איז דר לופט דיא גאנצע וועלט פול ווייל זעלט ניט דר מענטש לופט האבין אטום צוא שעפין מוז ער שטארבן נון טרינקן האט דר מענטש נייטיגר אז עסין דער מענטש קאן זיך לענגר דר האלטין אום גיגעסן אלס אום גיטרונקן דרום איז טרינקן מער צוא באקומין אלס עסין וואס ר' איז איבעראל גענוג צוא באקומין נון ברוט איז אוך מעהר צו בקומן אלס אנדערי שפייז. אלס וואס דר מענטש צום נייטיגסטין הט עס אלס מער אונ וועלפעלער צו בקומן אבר אנדערי חשובי זאכן (כסף וזהב אבנים טובות) דיא גוטי קרייטער הט גאט וואול בשאפין אבר טייאר ווייל דר מענטש בדארף עס ניט נייטיג ער קאן דראן זיין גאט האט דאך אלס בשאפן אמאל האט דר מענטש נייטיג צוא איין רפואה צוא ברויכין דס איז איין גרוס גמילות חסד פון הש"י אלס זיך דר מענטש זאל באניגן לאזן אונ ניט איבריג טראכטן גיעם דיר איין ראיה פון דארף פועלן דיא פירן זיך פשוט אונ עסין גראבי שפייז אונ גייען אין שלעכטי קליידר אונ איזי ה יזר זענין קליין אונ לעבין מער רוהיג אונ בשמחה אז דיא לייט דיא אין שטאט וואונין אונ פירן זיך הוך אונ טואן זיך אלי תענוגים אן אונ דר פוער גלוסט ניט איין הער צוא זיין דר כלל איז אלי גיוואונהייט גפעלט דעם מענטש וואול:

מעשה איין בן ארון גדול האט בייא זיך גהאט איין נזיר פון אים אפ צוא לערנן מוסר הט ער דעם נזיר גפרעגט וויא קומט דס דאס איך בין

איין

איין בן אדון אונ האב זעהר כבוד וגדולה אונ אז עשירות אונ ביי נאכט שלאף איך ניט אונ האב קיין רעכטי שמחה דר ביי איך גלייב ניט אוב איין מענטש איז פר האנדין דר זיך פון הערצין רעכט פרייאן קען הט דר נזיר אים גענפרט קום מיט מיר איך וויל דיר ווייזן ווערסט זעהן איין מענטש דר זיך זא מיט גאנצן הארצן פרייאן טוט אונ לוסטיג מאכט אונ הט אים גפירט פר דר שטאט איז איין בעטלער מיט זיין ווייב גוועזן דר האט איין בידיל פון שטרוי גמאכט אונ אינווייניג מיסט גשפרייט וואס זייא דרויף גשלאפין האבן, הט דר נזיר צו דעם בן אדון גזאגט בלייב דא איבר נאכט וועסטו זעהן וויא זיך דר בעטליר אונ זיין פרוא משמח זענן וויא וואול זיי בידי ניט איין שטיק גאנצן ראק אויף אירן לייב האבן אזו איז דר בן אדון דא גבליבן אונ אויף גפאסט צו זעהן וואס דר בעטלער טאן ווערט גאר קעגן נאכט איז דר בעטליר גקומן אונ האט גהאט איין פידיל אונ איין זאק פול מיט ברוט אונ דיא פרוא איין קרוג ביר אין דר האנט אונ זענין אין אירי שטרוא היטע גגאנגן אונ האבן געגעסן איר ברוט אונ האבן גטרונקן אונ האבן זיך לוסטיג גמאכט דר נאך האט ער זיין פידיל גנומן אונ גשפילט אונ מיט זיין ווייב גטאנצט אונ גשפרונגן ביז זייא בידי זענן נידער גפאלן אויף איר מיסט אונ האבן זאנפט גשלאפן צו מארגנס איז גאר זיין געלט פר צערט גוועזן אונ זענן ווידר גגאנגן בעטלין אזו האט זיך דר יונגער רייכער הער פר וואונדרט אונ צו דעם נזיר גשפראכן נון האב איך מיין לעב טאג קיינים לוסטיגער גזעהן אז די בעטליר וויא קומט נון דאס . האט דער נזיר גענפרט דיזער בעטליר לאזט זיך בניגין פר לאנגט ניט מער ווען ער נאר הט צו עסין אונ הט בטחון אז גאט ווערט אים מארגן ווידר באשערן . עס שטייט וועלכיר היינט הט צו עסין אונ זארגט וואס ער מארגן געמט צו עסן דר הט ווייניג פר זיכרונג אויף גאט דרום איז ער זא לוסטיג . אבר אדוני האט פיל זיין אייגנס דרום טראכט ער אויף נאך מער . אויך דער בעטליר זארגט ניט דס אים איינר עטוואס וועט נעמן אודר גזלענן דרום האבן זיי אזו זאנפט גשלאפן אבר אדוני מוז מורא האבן פר רוברס פאר נאכט רוב פייער שריפה פר שונאים אונ טראכט אימר גרעסרן שטאט צו פירן דרום שלאפט ער ניט גשמאק אונ דר בעטליר איז נאר ברוט גוואונט צוא עסין אונ הט קיין זארג דרום הט ער זיין ברוט גשמאקער געגעסן אלס אדוני דר אלי מעדנים עסט אלי טאג דר ווייל ער זיך אזו גוויינט האט דר צו . דרום ווער זיך לאזט בניגן וואס אים גאט טוט צוא פינן . דעם איז פיל לוסט אונ פרייד אונ טוט זיינע יאר אוס לעבן . אויך הט ריש לקיש איין מאס זאפרן גנלעוויט וויא ער גשטארבן איז הט ער זיך דריבער מצער גוועזן אונ האט אויף זיך גלייענט דעם פסוק (ועזבו לאחרים חילם) איר גוט מוזן אנדרי בקומן נאך אירן טוט . אויך שטייט רב אדא איז פון ווייב אונ קינד אוועק גצוגן לערנן הט דס ווייב צו אים גשפראכן דוא ציהסט לערנין וויא ווערין דיא קינדר

צו עסין נעמן הט ער צו איר גזאגט זארג ניט גאט וועט העלפן וועסט זיי
צו עסין געבן · פון דאנן איז צו לערנן וויא פר צייטן די תלמידי חכמים ג"כ
ניט גזארגט האבן פר אירן גוף אונ זענין ניקס אנגערעשט אלס תורה ומצות
נאך גאנגן דס מאכט דיא גרוסע הערצליכע ליבשאפט וואס זיי האבן גהאט
אין גאטס דינסט · אברהם אבינו הט זיין ליבן זון יצחק וועלן שעכטין פון
גאטס וועגן אונ די מענטשן האבן קיין פר שטאנד לאזן שטיין איין וועלט
דיא אייביג גווערט אונ ליגן אירי דאגות אוף דער וועלט וואס ניקס מער
אלס איין קליינע ווילי גווערט אונ זארגט גרוכן שטאט צו פירן אונ ווען ער
גלייך מווינט יאר זאל לעבן אונ מוז אלס אונטער זיך לאזן וואס העלפט עס
ווערן זיינע קינדר אין איין גוט מול גבארן ווערן זייא וואול פארט קומן ·
דרום גיהער דר מענטש צו פרידן זיין וויא גאטס ווילן איז וואס גאט טוט
איז וואול גטאן ער איז אונזר בשעפער צוא אים איז איטלבער מוסר זיין
נשמה אלי טאג (ובידך אפקיד רוחי) צוא דיר ביפעל איך מיין נשמה פאר איין
פקדון מעגסט מאכן וואס דיין רצון איז · נון ווען גאט איינעם איין טובה צו
שיקט אונ דר מענטש נעמט עס ניט פר ליב זאגט ער אלי טאג שקר · מען
הערט צו דענקן איך בין ניט אליין דעם צרות צוא קומט · צרות רבים הצ'י
נחמיה ווען איין מענטש אליין איז אין זיינר צרה הט ער נאך מער צער אלס
ווען לייט צו אים קומן אונ אים אויס ריידן פון צרות וואס אנדערע לייט האבן
אוס גשטאנין אונ האבין זיך דאך גטרייסט עס איז קיין מענטש אין דער
וועלט דר ניט צרות דר לעבט הט · אלס אלכסנדרוס מוקדון גטרייסט זיין
מוטר ווי ער הט זאלן שטארבין הט ער איר דען בריף גלאזין · מיין מוטר
גדענק אלס וואס אוף דעם עולם איז דס איז אלס פאר גענגליך אונ דיין זון
איז ניט גוועזן איין קליינער מלך נייארט איין גרוסר מלך דרום זאלסטו
דיך נוהג זיין ניט אלס וויא איין מוטר פון איין געוועהנליכן מענטש נייארט
אלס וויא מוטר פון איין גרוסן מלך נאך מיין טוט זאלסטו לאזן בויאן איין
גרוסן פאליץ אונ עס זאלן צו דיר קומן כל שרי מלוכה גראפן אונ פירשטן
צוא דעם גזעצטן טאג זאלן זיך לוסטיג אונ פרייליך מאכן אונ לאז אבר
קיינר קומן וואס איין צרה גהאט האט אלס לוזער לוסט אונ פרייד זאל
זיין אוף דער סעודה נון וויא די צייט איז גקומן אלס איר זון אלכסנדר
המלך איז גשטארבין הט זיא מקיים גוועזן זיין צוואה נון דר טאג איז גקומן
אלס דיא סעודה האט זאלן זיין אונ זיא הט גמיינט עס ווערן גאר פיל לייט
קומן איז ניט איינר גקומן האט זיא גפרעגט אירע לייט וואס בטייט דאס
ווארום קומן ניט דיא לייט צו דר סעודה דיא איך האב לאזן אן בריטן ·
האבן די לייט גזאגט ל בע מלכה איר הט גלאזט איין באפעל אוס גיין עס
זאל קיינר קומן דר איין לייד דר לעבט הט אונ עס איז קיינר פר האנדין
דר ניט זעלט איין לייד דר לעבט האבן דרום קומט קיינער ניט · אלס זיא
זאלכע הט גהערט הט זיא אן גפאנגן צוא שרייאן אונ גזאגט אלכסנדר

אלכסנדר מיין זון דיין חכמה איז פון אן פאנג גמיינט אויף דר לעצט מיין זון דוא האסט מיך בגערט רעכט צו טרייסטין איך זאל זעהן דס קיין חדוש איז ווען איין סיבה ווידר פארט דס טרעפט ניט צו איינם אליין נאר אלי לייטן זענין גליך אין דר זאך אונ ניט איינער דער ניט דאגות אונ טרויערן האבן גטראפן . דעם בר פ הט אלכסנדר גשיקט איי ער גשטארבן איז · מייני מוטר פר געם וואול מייגע רייד אונ נעם זיא וואול אין אכט אונ לאז דיך טרייסטן אזו וואול אלס איך בין בארימט גוועזן אין מער מדות טובות אונ אלי מדות ניט אן גנומן וואס הבל איז גוועזן אונ דעם מענטש נישט העלפט · אזו זאלסטו אוך דיא מדה אן נעמן זיך ניט צו גלייכן צו אנדרי ווייבר דיא דר שרעקן אונ דר וועקין טרויער אונ קלאג . מיין ליבע מוטר זאלסט וויסן עס איז קיין זאך אויף דר וועלט וואס שטענדיג זאלט גוועזן זעה דר שטארקסטר גוואקסנר בוים וויא באלד פאלין זיינע בלעטר אב אונ זיינע צווייגן ווערן צו בראכין . מיין ליבע מוטר זעה דס גראז צו מארגן איז עס פייכט צום אבינד איז עס טרוקין · זעה דיא לבנה ווען זיא אין פולן ליכט איז הייבט זיא זיך אן צו מינערן אונ ווערט פינצטר זעה די ליכטיגי שטערן וויא זיי די פינסטר דונקל מאכט ווען איין פלאם שטארק פלאמט וויא באלד ווערט עס אוס גלאשין אונ וואס איז דר מענטש אלס איין שאטן גייט פר ביי אלי שעה אונ רגע טוט זיך זיין ליכט מינערן גליך איינר אין חלום איין גרוסן אוצר הט אונ ער אויף וואכט אונ איז ניקס דא . דרום מיינע ליבע מוטר לאז דיין אוגן קיין טרערן רינן פון מיינט וועגן אונ זיי וויסן דס אורט וואס איך אהין וואנדר איז חשוב אונ בעסר אלס דר עולם וואס איך בין גוועזן · טוא ניט טרויערן אונ זיפצין אונ רייניג דיין נשמה מיט מיר צוא זיין לעולם הבא . מיט דיזע רייד האט אריסטוטלים זיין רבי גטרייסט די מוטר פון דעם גרוסן מלך אלכסנדר · דס איז איין גזירות המלך הקדוש ב"ה אויף אלי זיינע באשעפניש גרוס אונ קליין ארום אונ רייך מוזן שטארבן אזו וואול אלס דיין זוהן ווידר פארן איז אויף זיין קיניגליכן שטוהל וואול דעם דר גשטארבן איז דר קומט צו רוה דר דא לעבט האט לוטער צער אונ פארכט אין זייני טאג קיין רוה וואול דעם דר שטראף אן נעמט גלויבט איז דר דא טראכט אום זיינער נשמה אונ בריים זיך אן שפייז דס ער אויף דעם וועג מיט נעמט ווען ער אויך קומט צו רוה . גיב שבח צו גאט דר דיינעם זון אלכסנדר דיא גדולה האט געגעבן אונ דיא חכמה גלערינט אלס ער זיך דר ווילט הט יענע וועלט צוא גדולה ומלוכה אונ גאט האט אים פון דר וועלט גנומן אלס ער אין כבוד גבליבן אונ איין נו אלטיגער מלך גבליבן אונ איין גליבטר קנעכט גוועזן צוא זיינים באשעפער אזו וואול אלס איר ביי זיינם לעבן אייך מיט אים גפרייט הט אזו נאך מער דאס איר צו אים קומן ווערט מיט אים צו טרייסטין דרום געבט אייך צו פרידן . דרום גהער דער מענטש בהארצט זיין אין זיינר צרה אונ בווייזן אלס ער

אלי גשיכניש וואס איז צו קומט פר ניקס אכטין טוט · וויא אמאל איז איין
פילוסוף געוועזן ווס מען האט געבאטן מען זאל אים אום ברענגן אונ מען זאל
אים דר צו די צונג אב שניידן וויא דער פילוסוף האט געזעהן אלס מען זאל
אים דיא צונג אב שניידן בכדי אים גרוס צער אן טון איז ער אליין פריער
גקומן אונ האט פר אלי לייט גוויזן אז אים נישט גלעגן איז אן דעם צער ·
דער מענטש איז ניט בשאפן גווארן זיך צוא לוסטיגן נייארט איז ווארין
בשאפין דר מענטש צו שווערי ארבייט אין תורה ומצות זיך באמיהן בכדי
לעולם הבא זוכה זיין דס איביגי לעבן · ווער זיך פרייטאג נישט אן גרייט
אויף שבת האט מען שבת נישט צו עסין אונ ווען דר מענטש זיצט וואול
בשלום אונ בשלוה גהערט ער זיך צוא הארצן נעמן אונ טראכטין וויא
באלד קאן זיך דס בלאט איבר קערין :

מעשה איין פאשע האט איין ביין שטאלצין מענטש גפאנגין דער זעהר
שלעכט איז גוועזן אונ האט בפולין זיינע קנעכט זייא זאלן איין גרוס
פייאר אן מאכן אונ זאלן אים פר ברענן וויא זיי דס פייאר צו רעכט מאכן
איז איין שטארקיר רעגין גקומן אונ האט דס פייאר אום גלאשין אונ דיא
קנעכט האבן אים ניט רעכט אין בווארעניש גנומין אין דעם שטארקין
רעגן איז ער אוועק גלאפן אונ איז ווידר בהשקט ובטח געזעסין אונ האט
ווידר מעשים רעים געמאן אונ האט ניט גדאכט וואס אים איז ווידר פארין האט
אים איינר פון דיא חכמים געשטראפט אונ צוא אים גרעט לאז דיך ניט
רייצן דא מנוחה אונ שלוה וואס דוא האסט דאס קאן זיך באלד ענדרין
קאנסט דיך ניט דרוף פר זיכרין · נון האט ער ניט גפאלגט אונ איז אלין זיין
מוטוויליג ביים הארץ נאך נגאנגן אמאל ביא נאכט האט אים גחלומט ער
האט זיך געבאדן אונ האט זיך - אין דר זון גטריקנט צו מארגינס האט עס זיין
הארץ געקלאפט האט ער געוואלט וויסן וואס זיין חלום באטייט ער דער ציילט
דעם חלום פר זיינע טאכטר האט אים דיא טאכטר זיין חלום באשיידט מען
וועט דיך העגנגין וועסטו נאקיט זיין קעגן דר זון · וויא דיא טאכטיר האט
אים דעם חלום אום גלייגט איז ניט לאנג דר נאך גווארן אונ איז
גהאנגן גווארן דרום האבן די חכמים דיא וועלט גגלעכינט צו איינער לייטר
איינער גייט ארויף אונ דער אנדרער גייט ארונטער · דער שטארבט דער
אנדרר ווערט גבורן דר טוט פיל גווינן דר אנדרער האט פיל פר לורין איינר
טוט אין דר וועלט ארום שוועבין איינער איז גאבטעט אונ גיעהרט · דעם
אנדרין רעכינט מען פר ניקס ווערט · אבר ארום אונ רייך איז בייא גאט
אלץ גלייך · דרום גהערט דר מענטש זיך צום הארצן נעמן אין זיינע יונגע
יארן אונ אין זיינר גרעסטו פרייד צו גדענקן גאט קאן באלד מיינע פרייד
ענדרין צוא אין ליד · אונ גאטס פארבטיג זיין ניט אלס דער נארישער
שלעכטער מענגיז האט גמיינט זיין שמחה ווערט איביג זיין וויא באלד איז
עס געוועזן פר שטערט · אבר ווער גאט איז זיין הערצן האט זאל זיין הארץ

דר

דר וועקין זיינע כאר קריסטע ווערק גלייך צו מאכן · צוא אלים באוויליגט זיין אונ בדייט שלמה המלך הט גזאגט עס הט אלס זיין צייט · דען שלמה הט פאר אן גזאגט וועלכער פרום איז זיך משמח וואס אים גאט הט געגעבן אונ לייגט זייני גדאנקן אן אוף תורה ומצות אבר דר חוטא טראכט ניקס אנדערש אז געלד אונ גוט צוא זאמלין דרום הט שלמה המלך גזאגט דוא זאלסט דיך ניט משבח זיין מיט דיין עשירות זאמלן עס קען קומן איין צייט אז איין אנדערער דיין געלט ווערט בקומן דר איין צדיק איז וויא מיר געפונין המן האט גרוס עשירות גהאט דר נאך האט אסתר המלכה אלס בקומן נון הט שלמה המלך דעם בן אדם חוטא גהייסן דר דא טראכט אונ זארגט אוף געלד דר זיך אום זיין גזונד ברענגט מיט זארג האט ניט נייטיג איז וועלכס זיין נשמה שוועכט א נ גאטס דינסט שטערט נון ווען ח״ו זיינע קינדר קראנק זיין זאל ער טרויערין אונ פאסטין אונ צדקה געבין פילי כט איז אום צו בעטין אז ער זיא ביידעם לעבן קאן דר האלטן אוך גהער ער תשובה צו טון טאמער שטארבין זיי פון זייני עבירות וועגין וויא מען ליים דיא פיל נדרים אונ שבועות גה אונט זיין אלס בעונות שכיחא איז אן עולם בפרט מען זאגט דס זאל מיר אזוי זין דאס היינט איין רעכטר נדר אונ מענכיר איז גוואונט אזו צו זאגן אונ האלט עס ניט דרום שטארבין זייני קינדר:

מעשה איינער האט איין גאלד גילדן געגעבן צוא בהאלטין איינר פרוא אונ דר גאלד גילדן איז דער פרוא אונטר איר מעהל גקומן אונ איז אין ברוט גבאקין ווארין אונ זיא האט אים אוועק געגעבן איין ארימאן אין איין שטיק ברוט דר נאך איז דר מאן גקומן אונ הט זיין גאלד גילדן גפארערט הט זיא גשוואורן זאל מיר מיין קינד שטארבין ווען איך האב הנאה גהאט פון דעם גאלד גילדן ניט לאנג דר נאך איז איר גשטארבן דאס קינד דר ווייל זיא דאך איין קליין ביטל הנאה גהאט פון דעם ארש וואס דער גאלד גילדן איז גלעגן:

מעשה איין פרוא הט אירע צוויא קינדער לאזן באדין אין וואסר אזו איז איינר דר טרונקט · אזו האט זיא איין נדר גטאן אין קיינען וואסיר מער צו גיין אמאל האט זיא זיך גבאדן איז זיא גלייך גשטארבן:

מעשה איין פרוא הט איין נדר גטאן קיין פליישיג וואסר צו טרינקן אמאל האט זיא גטרונקין האט מען זיא תיכף מזן אהיים פירען אונ איז גשטארבן דרום גהערט מען נזהר צוא זיין אן נדרים אונ שבועות · אוך ווער ניט רעכט בכבוד האלט די מזוזות דס איז גרויסן איז אום דר מזוזה אונ איבר צו גידעקט אז זיא ניט פסול איז אונ אוף דעם רעכט אורט פון דר ביא שטידיל אן שלאגט ווער זאלכעס ניט טוט ווערט בענש דר גלייכן אנ די עבירות דרום גהערט ער פליסיג גאט אן צו רופין ווען זיינע קינדר אודר ניין ליב בקאנטער קראנק איז · אבר ווען זיא שון גשטארבן זיין וואס

העלפט

העלפט דר נאך זיין ווינען אונ שרייאן · אזו האט דוד המלך גמאן וויא זיין קינד איז קראנק גוועזן האט ער גפאסט אזו באלד אז זיין קינד איז גשטארבן האט ער גזאגט דס קינד איז טוט ווס זאל איך נון מער פאסטן איך קען עס ניט ווידער לעבנדיג מאכין · דארום האט שלמה המלך גרעט עת לדבר ועת לחשות איז טייטש עס איז איין צייט צו ריידין וויא דר נביא זאגט קחו עמכם דברים ושובו אל ה' איר זאלט באקענן קיגין גאט אוף אייערי עבירות אונ זאל תשובה טאן צו גאט · אצייט איז צוא שווייגן וויא מען געפינד בייא אהרן וויא זיינע צוויי זון נדב ואביהו זענין גשטארבין האט ער גשוויגן אונ האט בשמחה אן גנומען פון גאט האט ער איין לון בקומען · אזו גהערט דר מענטש אויך צו זיין ווען אים יעמ' נט שטערבט גהערט ער עס באהבה ובשמחה מקבל זיין פון השם יתברך · רבי יוחנן דעם זיין צעהן זון גשטארבן האט ער איין צאהן פון זיין עם יונגסטין זון בהאלטין אונ האט אנדרי לייט דער מיט גטרייסט זייא זאלן אזו פאר ליב נעמען פון גאט וויא ער · דען דער רבי יוחנן איז איין גרוסער צדיק געוועזן זענען דאך זיינע קינדר גשטארבן דען גאט שיקט דעם גרוסן צדיק יסורים צו דערסטוועגן ער זאל מער שכר האבן לעולם הבא אויך קאן דר מענטש ניט וויסין ווען ער לענגער לעבט וואס אוס אים וועט ווערן · דער מענטש זאל זעלבסט אן זיך ניט גלייבן דאס ער איין צדיק בלייבט ביז ער שטארבט יוחנן כהן גדול איז אכציג יאר איין כהן גדול גוועזן צום לעצטין איז ער איין צדוקי גווארין · ווי פיל קינדר זענין טוט קראנק גוועזן אונ פאטר אונ מוטער האבן גוויינט אונ האבן גרוס צער גיטריבן זענין אויך גזונד גווארין אונ האבין זייא דער צוגין אונ וויא זיי דר וואקסין זענען גווארין זענען זייא גרוסע פערפרעכער גווארין דס דיא לייט פאטער אונ מוטער פר שאלטין האבן וואס זייא אזוא איין זרע מרעים האבין אוף דער וועלט גבראכט אונ פאטער אונ מוטער האבין חרטה גהאט וואס זייא גוויינט האבין אונ האבין גווינטשן ווען זיי ווערין זיי גשטארבן עס שטייט בייא אלי באשעפניש וירא אלהים כי טוב איז טייטש גאט האט גזעהן אז זיינע באשעפניש זענען גוט אונ בייא דעם מענטשן באשעפניש שטייט ניט דר בייא גוט · דען ווען דער מענטש גבארן ווערט איז קיין גוטס ביי אים צוא דר קענין אבער ווען ער גשטארבן איז אונ איז איין צדיק געוועזן אלע זיין טאג דען איז עס גוט · גאט האט גבאטין אין דער תורה ישראל זאלן זיך קיין וואונד מאכין אויך קיין האר אוס רייסען ווען איינער שטארבט אזו איז דער מנהג גוועזן אונטער דיא אמוריים זייא האבין אלס גהאלטין פון דיזער וועלט דרום האבין זיי זיך האר אוס גריסין אונ צ"א בלוט גשלאגן אונ גרוס צער געטריבן ווען יעמאנד גשטארבין איז דען זייא האבין גמיינט ער איז אייביג פאר לורין אונ באקומין אים ניט ווידער זעהן · אבר איר וואס גלייבט אן תחית המתים אונ אן עולם הבא זאלט איר אייך ניט אזו מצער זיין וועגין איין מת דען עס איז אייך ניט אייביג

אייביג פר לורן: אויף יענר וועלט וועט איר אייערע קינדער אונ דיא גאנצע משפחה ביא אנגדר אוג אייביג שמחה זעהן ווען איר גוט אונ פרומ׳וועט זיין דרום שטייט אין דר תורה ביי דעם טוט פון צדיק גויעה ויאסיפה איז טייטש ער איז פאר גאנגן אונ זאמילט זיך צו אנדרי נשמות צדיקים דיא אין גן עדן זיך מתענג זיין:

מעשה איין תלמיד חכם איז זיין זון געשטארבן הט געהייסען יוסף אזו האט ער גרוס צער גיטריבן. ווען ער הט וועלן עסין הט ער גרופין יוסף מיין קינד קום עסין. הט ער זיך געזעצט לערנן האט ער גרופין יוסף מיין קינד קום לערנן. אמאל איז ער פאר טאג אויף געשטאנען לערנן האט ער ווידר גרופן יוסף מיין קינד קום לערנן אזו איז גקומן איין געשטאלט וויא זיין זון יוסף אונ געזעהן האט דר תלמיד חכם גשריגן צא טמא גייא אוועק פון מיר איז דאס געשטאלט פארשווינדן האט ער פארשטאנן דאס ער זאל זיך ניט מצער זיין. מען דארף קיין מת קושין אדר זאגן צו איין מת נעם מיך מיט איז עס איין גרוסי עבירה. אויך הערט דר מענטש צוא דענקין טאמיר שיקט מיר גאט דאס צוא איך זאל איין כפרה האבין אויף מייני עבירות. משה רבינו האט גזאגט ומשלם לשונאיו אל פניו להאבידו איז טייטש גאט גיבט דעם רשע אלס ער עשירות אונ הצלחה האט: אויף דער וועלט אים צוא בצאלין דעם לון אויף זייני מצות דיא ער גטאן האט אונ לעולם הבא איז ער פאר לארין אבער דער צדיק דר ווערט מיט אלערליי יסורים געשטראפט אויף דר וועלט אויף זייני עבירות דיא ער גטאן האט בכדי ער זאל צוא עולם הבא זוכה זיין. דרום געפינין מיר פיל מעשים וויא אונזרי חכמים האבן אויף זיך זעלבסט יסורים מקבל געוועזן וועגין איין קלייני עבירה:

מעשה רבי אליעזר ברבי שמעון דר האט אויף זיך מקבל געוועזן יסורים אלי אבינט האט ער גזאגט צוא דיא יסורים מייני ברידער מייני פריינד קומט אויף מיר זענן דיא יסורים גקומן אלס ער מוכה שחין איז געווארין אונ הט פייכטי בלאטערן בקומן דס מען אים זעכציג קישן האט אונטר גלייגט אונ זענן אלי פיל אן גיזאפט פון דעם אונפלאט וואס פון אים גירונן איז צוא מארגן האט ער ווידר צוא זייא גזאגט מייני ברידער מייני פריינד טרעט פון מיר אוועק דס איך קען תורה לערנן. אויך רבינו הקדוש הט אויף זיך מקבל געוועזן דרייצעהן יאר יסורים דר וייל ער אמאל איין קאלב הט זאלן שעכטן אונ דס קאלב האט שטארק גשריגן אונ האט זיין קאפ ביי רבינו הקדוש אונטר זיין קלייט בהאלטן האט רבינו הקדוש קיין רחמנות איבר דעם קאלב גהאט ער האט גזאגט דאס איז דער צוא באשאפין געווארין: דרום האט ער יסורים גהאט דרייצעהן יאר אין חולי אבן אונ זעקס יאר אין חולי מעיים אונ האט גרוס גשרייא גיטאן ביא זייני יסורים. פון דאנן איז צוא לערנן וויא גרוס דר עונש מוז זיין לעולם הבא ווען זייא פון זאלכע קלייני עבירות וועגין אזו שווערי ביטערי יסורים אויף זיך:

זיך גנומן האבן : אוך איז דער פון צוא לערנן וויא גליבט זענין יסורים וואס גאט שיקט צו דעם מענש דאס זיין נשמה ווערט גלייטערט · דרום קאן דר מענטש ניט וויסין · ער מיינט דיא סבות וואס עס קומט צו אים זענין רעה אבר אין אמת זענין זייא לטובה · אין דר תורה שטייט ואהבת את יי אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאידך דוא זאלסט גאט ליב האבין מיט דיין גאנצין הארצין ווען דיר גלייך דיין לעבין נעמט אונ דיין געלד אונ גוט נעמט דען מעניכר דר זיין געלד ליבר האט אלס זיין גוף · זאלסטו דאך גאט ליב האבן מיט גאנצן פרייליכן הארצן פון דאנן לערנן אונזרי חכמים אזו האול ווען דעם מענטשן איין טובה צו קומט מאכט ער ברכה בשמחה שהחיינו אודר הטוב ומטיב דאס גלייכן מוז דר מענטש איין ברכה מאכין ברוך דיין אמת בשמחה אונ גאט מיט גאנצין הארצן לובן ווען אים שוין דיא גרעסטי צרה צו קומט אונ ווס דר מענטש מיינט עס איז איין רעה איז עס איין טובה · אמאל הט איינר איין גרוסין אוצר גיפינן האט ער גרוס שמחה דר מיט גיהאט דר נאך הט מען אים תפוס גנומן אונ אים יסורים אן מאן ער זאל מודה זיין אוב ער הט ניט נאך מיין גפונדין אונ איז דר פון גשטארבן איז זיין טובה איין רעה גווארן · אמאל האט דאס וואסער איינעם זיין פעלד דער טרענקט האט ער גרוס צער גהאט דער נאך איז דאס וואסיר אפ גלאפין האט ער גוט פייכט זיין פעלד גפונין איז זיין רעה אים לטובה גוועזן :

מעשה איין תנא הט גהייסן נחום איש גם זו ווס אים גאט הט צו גישיקט הט ער גזאגט גם זו לטובה · אמאל האבין דיא חכמים אים גשיקט מיט איין מתנה צוא איין קיסר בייא נאכט אין דר הארבריג האט מען אים אלס אוועק גגנבת אונ מען הט אים זיין קאסטן פול מיט ערד גפילט צוא מארגינס וויא ער הט דאס גזעהן זאגט ער גם זו לטובה אונ הט דעם קיסר גיבראכט דעם קאסטין פול ערד · איז דר קיסר זייער בייז גיווארין אונ זאגט דיא יהודים שפעטין אום מיר איז אליהו הנביא גיקומין אונ זיך פאר גשטעלט אונ זאגט צום קיסר מאמיר איז דאס ערד פון אברהם אבינו ווען מען ווארפט דער מיט ווערן פיילין אונ שווערדין דרוס · האט דער קיסר גיפרובט אונ האט אשטאט איין גנומן דר מיט · מען האט אים מיט גרוס כבוד אוועק גישיקט אונ נאך דר צוא דעם קאסטין מיט אבנים טובות גפילט אונ צוא ריק וויא ער ווידר אין דר הארבריג איז גקומן וואס אים דיא גנבה איז גשעהן האבן זייא אים גפרעגט וויא קומט אז ער איין קאסטין מיט אבנים טובות מיט גיברענגט האט ער גזאגט דאס האט ער באקומן פר דר ערד ווס ער האט פון דאנין גנומן · אזו זענין דיא גנבים גגאנגין אונ האבן פיל ערד מיט גנומן אונ דעם קיסר גבראכט אונ האבן גזאגט דיא ערד ווס דר יהודי הט גבראכט איז פון דיזער ערד גוועזן · האט עס דר קיסר גיפרובט האט עס זיך ניט אזו בפונדן אונ האט זייא גלאט אום ברענגן •

ממילא איז זיין רעה אמובה גוועץ אונ איר מובה ארעה · דרום זאל מען זאגן אלדינג וואס גאט שיקט דעם מענטש צו איז אלץ לטובה :

מעשה רבי עקיבא איז אויך געוויינטליך גוועץ צוא זאגן אלץ וואס גאט צוא שיקט איז אלץ לטובה · אמאל איז ער גרייזט אונטער וועגינס הט ער גוואלט איבר נעכטיגן אין אשטאט הט מען אים קיין הארבריג גוואלט געבן הט ער גזאגט דס איז אויך צוא גוטין אונ האט איבר גנעכטיגט אין אוואלד אונ הט מיט זיך גהאט איין אייזל אונ איין האן אונ איין ליכט אזו איז איין לייב גקומן אונ הט דס אייזל אויף גגעסן אונ דר נאך איז איין קאץ גקומן אונ האט דעם האן אויף גגעסן אונ איין ווינד האט דאס ליכט אוס גלאשין אזו הט ער גזאגט דס איז אויך אלץ למובה · די זעלבי נאכט זענן רייביר גקומן אונ האבן דיא שטאט גפלינדרט אונ האבן דיא לייט גפאנגן גנומן האט ער איין שבח גגעבין צו גאט אז ער אים איין נס האט גטון אונ דאס איז אלץ לטובה גוועזן ווען איך ווער אין דר שטאט גבליבן ווער איך אויך גפאנגן גווארין אונ ווען דאס אייזל אדר דער האן וואלטין גוועזן גשריגן אונ דאס ליכט וואלט גוועזן גיברענט וואלטין דיא גזלנים גזעהן אונ גהערט וויא איך בין אזו האט מיך גאט מציל גוועזן · דרום דוא בן אדם לייג דיין טרוארין אונ דאגות אויף איין זייט אונ נעם צאר ליב וואס דיר גאט צו שיקט בפרט וואס דיא ערד בדעקט ווערט דאך פאר געסן וויא פיל לייט זענין דיא פיינסטו קינדר גשטארבן אונ זענין דאך לוסטיג אונ פריילייך · וויא פיל זענין פריילייך אונ האבן איר טאג קייני קינדר גהאט · דר גלוסט אלץ עשירות מענכר הט פיל גהאט אונ איז אום דעם גקומן הט גרוס צער דריבר גהאט אונ מענכר האט גאר ניקס גיהאט אונ איז לוסטיג אונ פריילייך ממילא איז דס זארגן ניט פון דר נאטור נייארט דר מענטש טוט אויף זיך אליין ברענגין · וויא איז איין גרעסרר משוגע פר האנדין דער זיך אליין וויא טוט דען ווען דיא צרות פאר ליב אן גענמט דען קומן ווייניג צרות צו אבראוי מער דר מענטש ניט צו פרידן איז וויא מער צרות שיקט אים גאט צוא :

מעשה איינע פרוא הט גהאט זיבן קינדר איז איר איינר דר פון גשטארבן האט זיא גרוס צער גיטריבען אונ גוויינט האט רב הונא צוא איר גשיקט זיא זאל אויף הערין צוא וויינן אדר זיא זאל חס ושלום אן ברייטן תכריכים צוא דעם אנדרין קינד אונ וויל זיא האט ניט אויף גהערט זענין איר אלי זיבן קינדר גישטארבן לסוף האט זיא נאך מער גוויינט האט רב הונא ווידר צו איר גשיקט זיא זאל אויף הערין וויינן אונ זאל פר ליב אן נעמן פון גאט זיא הט ניט גפאלגט איז זיא זעלבערט אויך גשטארבן. וויל ויא האט ניט וועלן פאר ליב נעמן פון גאט דרום האבן אונזרי חכמים גווארנט מען · אל ניט אזו זייער טרוארין נאך איין מת נייארט זיבן טאג ואל ער קלאגין אונ אין דיא ערשטי דרייא טאג מעג ער וויינען דען ווען

איינר שטארבט זאל מען מורא האבן דאס דיא גזירה ח"ו ניט ווייטר גייט דרום זאל ער טראגין שבעה און שלשים און תשובה טאן דער נאך מוז אלס פר געסין זיין. ווען גאט איינם שטראפט דס ער גרוסין היזיק הט זאל ער זיך ניט מצער זיין אויף וואס פר ביא איז נייארט ער זאל זיך משמח זיין מיט וואס אים נאך געבליבן איז און טראכטין פיליכט האב איך מיט מיין געלד קיין גוטס גטאן וויא געהעריג און זאל ווייטר צדקה געבן ניט אלס אטייל לייט ווען זיי היזיק האבן הייבן זייא זיך אן איבר צו לייגין געבן ניט מער צדקה אלס וויא זייא פאר אן גמאן האבן איז זא גלייך אלס מען פייאר מיט שטרוא לעשט עס פלאמט דער נאך שטארקיר. און איז גלייך ווען איינר דארשטיג איז און טרינקט גזאלצין וואסיר ער טוט זיך דיא רגע וואול לעשין אבר עס דארשט אים דר נאך מער. דרום ווען גאט איינעם איין היזיק צוא שיקט מוז ער מער צדקה געבין וויא פריער דען גאט האט גהייסן מען זאל פריבן מיט צדקה געבן ווער רעכט צדקה גיבט דעם מאכט רייך. עס בפינד זיך אבר ווייניג איטליכר גיבט צדקה נאך זיין גדאנקין מענכר פון גאוה פון בארים ווען און נאר זעלטן ווער דא רעכט אך פארשט דעם רעכטן דין צדקה מקיים צוא זיין דען צדקה בשעורימט פון דעם טוט און נאך מער יאר צו געבן ווערן אוך גדענק אלס דיא גאנצי וועלט איז דרינן גלייך דר ווערט ארום דר ווערט רייך נון ווען דר מענטש וס פר לירט ווארום זאל ער זיך מצער זיין ווארום וויל ער בעסיר זיין אלס אנדרער דער ניקס האט דען דיא וועלט איז אזו גשטעלט גאט גיבט דעם היינט און דעם מארגן נעמט פון דעם אוועק און גיבט עס איין אנדרין ער הט מאכט אלי לייטין גלייך צוא געבן. איין גרוסר הער הט אמאל גזאגט צוא איין פליסוף וויא ער לוסטיג איז געווען אוף דר סעודה וויא זיס און גוט ווער עס ווען עס אייביג זעלט געווערן. האט דר פליסוף געענפרט ווען עס אייביג זעלט געווערן הט עס גאט דיר ניט טואן בשערן. איין אנדרער מוז אוך האבן. איינר האט היינט דר אנדרר הט מארגין. דרום איז אוף קיין היזיק צוא טראגן נייארט אוף דר נשמה צוא טראגין צוא זיין אונטר טעניג קענן גאט ניט צו זיין ווידר שפעניג עס איז בעסר צעהן מאל פאר דארבן אלס איין מאל גשטארבן. דס איז גמיינט דר רשע הייסט ביא זיין לעבן גשטארבן עס איז בעסר צו פר לירן אלי זיין גוט אלס ער ח"ו איין עבירה טוט. זארג ניט ווען דוא האסט פאר לארן געלד און גוט ווען דיר איז געבליבן דיין פאר שטאנד און דיין נשמה הט איין פרייליכן מיט. אוך געהערט דר מענטש צו גדענקן ווען איינר איינם וואס אנטלייעט אדר גיבט אים צו בהאלטין און ער וויל דר נאך דס זייניג ווידר האבן. איז דאך בילך יענם דס זייניגי ווידר צוא געבן בלב טוב דען ווער דא ניט ווידר גיבט איז איין רשע נון ווען איינר איינם אוך צו בהאלטין גיבט דימאנטין און זילבר און בגערט דר נאך ניקס מער אלס זיין גאלד און זילבער און שענקט אים

דימאנטן ביסטו דיך משמח דס ער דיר אזו איין מתנה גיבט מכל שכן ווען
ער ניקס מער אלס זיין זילבער גענומט אונ שענק דיר דימאנטן אונ דס גאלד
דר צו גהערסטו דיך פשיטא משמח צו זיין דען עס איז דס אלס גשענקט.
אזו אוך דיא נשמה איז איין פקדון ביא דעם מענטש ער זאל זיא באווארין
אונ ריין האלטין זאל קיין עבירה טאן דאס געלד אונ גוט איז נייארט דעם
מענטשין גגעבט לפי שעה דען דער מענטש ווערט נאקיט גיבארין גאט
גיבט אים דס ער זאל מצות דר מיט טאן. נון ווען דעם מענטשן טרעפט
ער פאר לירט געלד האט ער עס ניט פאר לארן גאט האט אים גגעבן אונ
גלעהנט אונ גאט נעמט דס זייניגע גהערט ער זיך משמח צו זיין מיט דעם
איברגן דס איז גשענקט. נעמט גאט חלילה אלס אוועק גהערט ער זיך
אוך משמח צו זיין דאס גאט אים זיין נשמה גלאזט הט דאס איז אוך ניט
זיין עס איז אלס גשענקט:

משל ווען איינר בלינד איז אונ איין דאקטער קומט אונ היילט אים האט
מען דאך דעם דאקטער ליב ווען ער אים גלייך פיל געלד באצאלט
אונ גאט הט דעם מענטשן גגעבן אויגן צו זעהן אויערין צוא הערין פיס
צו גיין הענד דר מיט זיין ווערק צו טאן מוח אונ הארץ צוא פר שטיין אונ
דאס גיבט גאט אלס אומזונסט וויא זאל איך גאט ליב האבן איך קאן אים
ניט גנוג אפ דינין ער שענקט מיר אלס נון ווארום זאל דר מענטש זארגן
אונ טרארין ווען אים אלי דיא גרעסטי צרה צו קומט ווען אים נייארט זיין
נשמה בלייבט לוטר אונ ריין פון עבירות. די מעשה פון איוב איז דרום
אן גשריבן ווארן פון דעסט וועגן דען דער איז אוף איין מאל גקומן אום
אלי זיין האב אונ גוט אונ אלי זייני קינדר זענן דער שלאגין גווארין אונ
דר צוא איז ער זייער גיפלאגט גווארן מיט יסורים אן זיין לייב דיא ניט
גרעסר האבן קענן זיין האט ער פארט גשפראכין איך בין נאקיט ווארין
גבארן אונ וועל ווידר נאקיט פון דר וועלט גיין גאט הט גגעבין גאט האט
ווידער גנומין גאט זיי גלובט אוף אלים. דוד המלך האט גזאגט (חסד ומשפט
אשירה) איז טייטש איך גיב צו גאט שבח ווען ער משפט מוט אונ שטראפט
מיך אוי וואול אלס ווען גאט מיט מיר טוט גנאד. (צרה ויגון אמצא ובשם יי
אקרא) ווען איך טוא גרייכן פראערקייט טו איך גאט דאך בשמחה אן רופן:
מעשה רבי מאיר זיין ווייב האט גהאט צווייא זין זענין זייא אום שבת
אין ברונין אריין גפאלין אונ זענן גשטארבן האט זיא גווארט ביז
רבי מאיר איז גקומן אוס דר שול אונ האבן זיך גזעצט עסין אונ טרינקין
נאך דעם אלס זייא האבין גהאט אפ גגעסין האט זיא אן גפאנגין צוא רבי
מאיר צוא רידן מיין מאן איינער הט מיר צווייא גאלד גילדן באהאלטין
געבן אצונד קומט ער אונ וויל עס ווידער האבן זאל איך עס געבין אודר
ניט. הט רבי מאיר צו איר גזאגט פשיטא קערסטו אים מיט פריידין דאס
זייניגי ווידר צו געבן. הט זיא גזאגט צום מאן דייני צווייא קינדר זענין אין
ברונין

ברונין גפאלן אונ זענן געשטארבן גאט הט זיין פקדון ווידר גנומן אונ האב גווארט ביז שבת אום גאנגין איז אונ האבין שבת מכבד גוועזן. האט זייא גאט איין נס געטאן וויא מען האט גוואלט זייא מוצאי שבת ארוס נעמין האבן זייא נאך גלעבט בזכות וויל זיי עס האבן אזו בשמחה אן גנומן פון גאט. נון קאן מען זעהן וויא איין גרוסע זאך איז ווער פון גאט אלס בשמחה אן נעמט. נון ווארום טראכט איר נישט אנדרס אלס געלד צוא מערין אונ גרוסן שטאט צוא פירין מוט איר באנגערין. אונ גידענקט ניט וואס אום אייך וועט ווערין. מיט וואס אייער נשמה צוא דער נערין. אונ טוט אלס דעם יצר הרע צוא הערין. אונ נעמט אייך ניט מיט לעוה"ב צו לערנין. אום געלד ווענין טוט איר אלי אייער גידאנקין ווענדין אונ קערין. אונ בטראכט ניט דאס גאט זעהט זעלבעס ניט גערן. תורה ומצות צוא האלטין דער פון האט איר גרוס הערין. מוט אייך פון געלד ווענין ניט זארגין. לאזט אייך אפ ווערין:

משל איינר האט גיפונין איין גרוסין אוצר אין דער מדבר האט ער גזעהן זילבערני כלים שטיין האט ער גנומן דער פון וואס ער האט קענין דער טראגין דער נאך האט ער גזעהן גילדני כלים שטיין האט ער דיא זילברני כלים גילאזט אונ האט זיך גינומן גילדני כלים דער נאך האט ער גזעהן שייני פערליך האט ער מיט זיך זעלבסט גיראטין איך זאל אזו שווער טראגין אן געלד אזו שווער פערליך זענין דאך פיל מאל אזוא פיל ווערט. אונ האט ווידער דיא גילדעני כלים פון זיך גיטאן אונ האט פערליך גנומין דער נאך האט ער גזעהן גרוסי שטיקר דימנטין שטיין האט ער דיא פעריל אוועק גיטאן אונ האט דימנטין גנומין האט ער גיווארט אגאנצן טאג אונ וויא דיא נאכט איז גיקומין האט ער מורא גהאט ער הערט אום זיין לעבין קומין אונ איז דער פון גילאפין אונ האט גאר נישט מיט זיך גינומין. אוך דער מענטש לאזט זיך ניט בגינין האט ער פארצילייא גיפעס וויל ער זילבר האבין האט ער זילבעד וויל ער גאלד האבין אונ דיא שענסטי קליידר אין לעצטין וויל ער העכרין שטאט פירין אונ זייני צייט פאר ברענגט ער אין הבל פליצלינג קומט דיא נאכט פון לעבין אום גרעכט שטארבט ער אונ לאזט אלס הינטר זיך. ווייטאג אונ דאגות מאכט אלס וויא מער ער זיך איין זאמלט וויא מער זארגט ער ווען ער אבר זאלכעס ניט טוט פאר שפארט ער צווייא ארלי זארג בדארף נישט צוא זארגין דאס איין צוא קופן אונ איין צו זאמלין אוך ניט פילייכט פאר לירט ער. מען האט אמאל איין פילוסוף גפרעגט וויא קומט דאס ווארום זארגסטו ניט. האט ער געענפרט איך טוא מיר ניט זאלכס איין קופין ווען עס זאלט פאר לארין ווערין דאס איך דריבר זארגין זאל דארפין:

מעשה איינעם גרוסין הער האט מען גישענקט איין מעכטיג שיין גצעלט.

אונ פיל אבנים טובות זענין דרויף געוועזין . אזו זענין פיל פריינד
וחשובים בייא אים געוועזין דיא האבין דאס געצעלט ניט געקענט דער
לויבין אונ אונטער זייא איז איין פילוסוף געוועזין האט דער האר צו אים
גזאגט וואס ער האלט פון דעם געצעלט האט דער פילוסוף געענפערט דאס
געצעלט בטייט אויף קיין שמחה נייערט אויף גרוסין הארץ בראך . האט
דער האר געפרעגט ווארום . האט ער געענפערט ווען עס ווערט פאר
לארין ווערין אודר ווערט צו בראכין ווערין אונ אדוני ווערט דער גלייכין
ניט קענן ווידר בקומין דען ווערט ער גרוסין צער האבין איבר דעם
געצעלט . אונ וויא אים דער פילוסוף גזאגט האט אזו איז עס געוועזין .
דער האר איז געפארין איבר ים אין איין שטאט אונ האט דארטין איין
סעודה לאזין אן ריכטין אונ האט בפולין מען זאל אים דאס געצעלט אויך
נאך ברענגין אזו איז דאס שיף צו גרונד געגאנגין וויא דאס געצעלט דרויף
געוועזין איז . אונ דער האר האט זיך גרוסי הוצאות לאזין קאסטין האט
געמיינט עס אום דעם וואסיר צוא ברענגין אונ האט ניט גקאנט . האט
ער זיך שטארק דער שראקין אונ האט אנדרי געצעלטין לאזין מאכין האט
זיך קיינס צוא גטראפין וויא דאס גוועזין איז אונ איז געשטארבין פון דאגות
אונ צער איבר דעם געצעלט . אזוא זענין רוב עולם זייא זענין לייפרים
איבריג צוא זאמלין :

מעשה עס זענין געוועזין צווייא עשירים איטליכר האט איין אוצר
באגראבין דען איינם איז זיין אוצר גיגנבת געווארין אונ האט נישט
געוויסט דר פון הט ניט בגערט דר נאך נאך צוא זעהן אונ האט זיין טאג
אזו געלעבט אונ זיך בריממט דאס ער אזו עשירות האט . דער אנדרער
האט וועלין נאך זיין אוצר זעהן אונ האט פאר געסין דאס אורט וויא ער
האט בהאלטין אונ האט עס ניט קענין פינדין אזו האט ער גרייליך גשריגן
אונ געוויינט דריבר אונ האט אלי זיין טאג אין צער געלעבט האט מורא
געהאט ער ווערט איין ארום מאן ווערין וויא וואול ער גנוגין געהאט האט
צוא לעבין . אונ יענר דעם זיין אוצר גיגנבית איז געווארין האט זיין טעג
אין שמחה געלעבט נון איז ניט געלעגין אוב איינר מער אין קאסטין
האט ליגין אלס דער אנדערר ווען ער האט עטוואס צוא לעבין ווארום
זאל ער אויף ווייטר צו פיל זארגין . אויף דער ערד צוא ליגין אין געמייני
קל ידר צוא גיין קאן אלס דר מענטש גידולדין אלס איין געוואנהייט . דיא
פילוסופים שרייבן אלס וואס דער מענטש פאר לירט וואס ער נייטיג
האט דאס בשערט אים גאט ווידער . אבר ווס דער מענטש פאר איבריגט
האט וואס ער ניט נייטיג האט דריבר דר קערצט ער זיין לעבין אונ לעבט
כל ימיו אין ליידין אונ זארג אונ פאר לירט עולם הזה ועולם הבא דריבר
מיינט ער אפ צוא ווארפין דיא דאגה פון פרנסה אונ דלות בקומט ער
ערשט מער דאגות . זארגט געלט צוא זאמלן דאס געמט קיין ענד בייא
נאכט

נאכט שלאפט ער ניט פארכט זיך פאר גזלנים אונ גנבים אונ לייט דיא
אים מקנא זענין אונ גערין וועלין אים אום זיין געלד ברענגן:
משל חכמים האבן דיא לייט גיגליכן אלס דיא לייט דיא זאלין אין
איין פרעמדי מדינה רייזין אונ פארין אויף איין שיף אויף דעם ים נאר
לאנג קענין ניט קומין צוא דער יבשה אונ האבין ווייניג צוא עסין אונ
טרינקין ביא זיך עס קומט אמאל איין גרויסער שטורם ווינד אונ פירט
דיא שיף צוא איין בארג אין מיטין ים אונ אויף דעם זעלביגין בארג זענין
גאר היפשע ביימער מיט גוטי שייני פירות אונ זענין אויך גאר שיינע קוואר
ברונין אויף דעם בארג אונ קענין האבין אלי אירי וואול לוסט · דא זענין
אין דער שיף פינף כתות · איין כיתה דענקט זיך וויא זאלין מיר אויס
דער שיף גיין אויף דעם בארג עס קען קומין איין גרוסר ווינד אונ דאס
שיף אוועק טרייבין וועלין מיר מוזען אויף דעם בארג פאר לארין בלייבין
אונ פון פירות אונ אנדערי תענוגים זאלן מיר פאר פאלין בלייבין אונ
זענין ניט ארויס גיגאנגין אויס דער שיף · דיא אנדערי כיתה דיא גייען
איין ווייניג אויף דעם בארג אונ זומין ניט לאנג גייען באלד ווידער צום
שיף אונ האבין איר שטאט ווידער גיפונדין אין דער שיף גרוים. דיא
דריטע כיתה גייען אויף דעם בארג אונ עסין גוטע פירות ביז דא קומט
איין ווינד אונ דיא שיף לייט טרומייטרין מען זאל קומין אין דער שיף
דא לופין דיא זעלביגע כיתה איז דער שיף אבר זייא גיפינדין אירי
שטעט אין דער שיף ענג דען אנדרי לייט דיא האבין זיך גיזעצט אויף איר
פלאץ · דיא פערדי כיתה זייא עסין אונ טרינקן אויף דעם בארג גאר לאנג
גוטי פירות אונ גייען אויף אלי זייטין אויף דעם בארג גאר לאנג חדושים
צוא זעהן אלס מען טרומייטערט אויף דער שיף דא זאגט דיא זעלביגי
כיתה מען מוז פאר אום שטעלין דעם זעגיל בום מיר וועלין נאך איין
ווילי דא בלייבין אונ אז מען נון האט גשטעלט דעם זעגיל בום דא זאגט
דיא זעלביגי כיתה זייא ווערין יוא פריער מוזן עסין דיא שיף לייט זאגין
מיר וועלין נאך איין ווילי דא בלייבין אונ עסין אונ טרינקין אויף דעם
בארג ביז דאס זייא נון זעהן דאס שיף איין ווייניג רירען פון דעם בארג
דא זאגט דיא זעלביגי כיתה ווען מיר ווערין נאך איין ווייניג זומען דא
וועלין מיר ניט קענין אין דאס שיף קומין אזו באלד לופין זייא צוא דער
שיף אונ מוזן אין דעם ים טרעטין אין וואסיר ביז אן איר האלז דען דיא
שיף האט נון אפ גיטרעטין פון בארטין אונ זייא קומין אין דער שיף
גיפינדין זייא איר שטעט גאר ענג זייא האבין פאר זומט איר פלאץ · דיא
כיתה דיא עסין אונ טרינקען אויף דעם בארג אונ גייען ניט אין דער שיף
דער נאך איז דער ווינטר גקומין קעלטין גווארין דיא פירות זענין אפ
גפאלין אונ חיות זענין גקומין אויף זייא אונ האבין זייא צוא ריסן אונ זענן
אלי פאר לארין גיווארין · אזו אויך דער מענטש איז אין זייני ווערק
גיגליכן

גילייכן צוא איין שיף אונ ווען דער מענטש גייט אין גלייכן וועג אונ
לאזט זיך ניט פר פירן פון יצר הרע אונ גייט קיין וואול קוסט נאך דער
פארט בשלום · אזו איז דיא ערשטי כיתה דאס זענין צדיקים דא ווילין
ניט גיין אוף דעם בארג דאס איז גימיינט זייא טוהן גאנץ קיין עבירות אונ
לאזין זיך ניט פאר פירן פון יצר הרע לאזין זיך בנוגין האבין קיין הנאה פון
דער וועלט וויא מען גפינט רבי חנינא בן דוסא ורבי שמעון בן יוחאי אונ
אנדרי צדיקים · רבינו הקדוש וויא ער איז גישטארבין האט ער זייני
פינגר קעגין דעם הימל אוף גהויבין אונ האט גיזאגט רבש"ע דוא ווייסט
דאס איך קיין הנאה פון דער וועלט האב גיהאט דאס גלייכין טוהן אלי
צדיקים זייא טוהן ברוט עסין אונ וואסר טרינקין אונ אוף דער ערד שלאפן
פאר ליב אן נעמין אונ דינע גאט בשמחה וויא אברהם אבינו האט זיין
זון זיין לאנד שאפט אלס ניט גיאכט פון גאטס וועגין אלס ער גאט איז
ליב גיהאט · זייא ווייסין וואול אז קיין תכלית איז פון איבריג עסין אונ
טרינקין דאדורך בלייבט איר קאפ קלאר אונ לוטר צוא תורה לערנין
אונ מצות טאן אונ וויא עלטיר זייא ווערין בקומין זייא גרעסרין שכל
אונ דיא תורה טוט דער לייכטין איר פנים זענין זוכה צוא רוח הקודש
וויל זייא אירי מצות אזו בשמחה טוהען · דאס האט רבי יצחק לוריא
דער הייליגר מאן גיזאגט ער האט זוכה גיוועזין צוא רוח הקודש וויל ער
זיך האט משמח גיוועזין ווען ער איין מצוה האט גטאן · אונ טוהען איר
תפלה בכוונה מיט שמחה דען עס גייט זייא קיין דאגות אין איהרען קאפ
אלי גישעבינ'ש פון דער וועלט אכטין זיי נישט ווייסין וואול דאס הכל הבל
איז נייארט תורה ומצות טוהן זייא בשמחה רבה וויא דוד המלך האט
שטעין אוף דר הארף אונ אוף אנדרי כלי זמרים גישפילט ווען דיא שכינה
האט זאלין אוף אים רוען אונ פארכטין זיך פאר דעם יצר הרע אזו וויא
פאר גזלנים אונ פייאר דיא האבין גרוס גנוגין צו זיצן אין דער שיף דאס
מיינט מען אוף דער וועלט לעבין זייא בארוט אונ קומן צוא לאנד דאס
מיינט מען לעולם הבא זענין זייא זוכה אין גן עדן אונ בקומין אזוא פיל
עולמות אונ חופות אונ שמחות וואס קיין מענטש אוף דער וועלט גיוואר
ווערט פון דעם גרוסין תענוג וואס זייא לעולם הבא זוכה זענין וויא
הקב"ה זיך מיט זייא פרייעט דרום זענין זייא אלין פון דער וועלט מקבל
באהבה אלס זייא ניט זאלן עמוואס פר לירן לעולם הבא · דאס איז דיא
ערשטי כיתה וואול צוא זייא אוף דער וועלט אונ אוף יענר וועלט · דיא
אנדרי כיתה דיא זענין ארום גיגאנגין אונ זענין גלייך ווידר אין דאס שיף
גיגאנגין דאס זענין דיא לייט דיא וואס אמאל זיך לאזין איבר רייזין פון דעם
יצר הרע אונ האבן הנאה גיהאט פון איין עבירה אבר זייא האבן גלייך
חרטה אונ טון גלייך תשובה אין דער יוגנט וויל דאס אייזן גליט איז
עס בעסיר צום שמידין דאס איז דיא בעסטי תשובה וויל דער מענטש

בייא

ביא זייני קרעפטין איז אונ קאן דיא עבירה טון אונ טוט עס ניט מיין אונ טוט תשובה מיט גאנצין הארצין ניט אלס טייל לייט זאגין סליחות אונ קלאפין אשמנו אונ האבן אוף דיא עבירות קיין חרטה דאס הייסט אחד בפה ואחד בלב דאס איז קיין תשובה איז זא גלייך ווען איינר זיך טובל איז אונ האט איין שרץ אין דער האנד דרום זאגן מיר (על חטא שחטאנו לפניך בוידוי פה) איז טייטש מיר האבן גיזינדיגט מיט דעם מויל גרעט אונ דאס הארץ האט קיין חרטה אונ דאס איז דיא בעסטי תשובה תיכף נאך דער עבירה תשובה צוא טוהן איז זא גלייך וויא אייל אוף איין טוך פאר גאסין ווערט ווייל עס נאך נאס איז קאן מען עס באלד אוס וואשין אבר ווען עס טרוקין ווערט איז אין שווער אזו איז דיא תשובה וואס מען תיכף טוט. דיא כיתה זענין אוך אזו גלייך:

למשל איין מאל האבין דעם שר זייני דינער זיין אוצר אוס גיגנבית נ"ן האט מען דעם שר גיזאגט אז זייא דיא גניבה האבין האט ער נאך זייא גשיקט אונ האט זייא גלאזט זאגין ווען זייא איבער דעם וואסיר פארין זאלין זייא דיא גניבה אין וואסיר אריין ווארפין דען עס איז איין וואסיר גוועזין איידר מען האט גיקאנט צום שלאס קומין אונ דער שר האט זיי ליב גיהאט האבן זייא אזו גיטאן. אזו אוך מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא האט גהייסין ווען דער מענטש חוטא איז זאל ער תשובה טון תיכף אוף זייני עבירות ווערט ער גיהאלפין. אזו אוך דיא אנדרי כיתה דער יצר הרע האט זייא זוא אמאל אן גרעט אבר זייא האבן תיכף חרטה גיהאט גאט האט זייא ליב או איר עבירה אין ים קומין. ותשליך במצולות ים כל חטאתינו דס איז דיא אנדרי כיתה. דיא דריטע כיתה. דיא דא האבן גווארט ביז מען טראמיירט האט צום שיף דאס זענין דיא לייט דיא פיל עבירות האבין אונ טוהן אין דער יוגנט קיין תשובה נייארט ווען זייא אלט ווערן הייבן זייא אן תשובה צוא טאן זעלכי תשובה איז ניט אזו גוט אלס אין דער יוגנט הער ווייל נוגער אלט איז אונ איז גישוועכט האט קיין כח מער עבירות צוא טאן דער יצר הרע איז נון גישטעלט אבר ער טוט דאך תשובה ער האט מורא פאר עונשים קשים אין גיהנם איז דאך זיין תשובה אן גינומין אבר ער מוז ענג זיצין אין דער שיף דאס מיינט מען לעולם הבא האט ער דעם שכר ניט וואס דיא ערשטי צווייא כיתות האבין. דיא פירדי כיתה דאס זענין דיא לייט דיא איר לעבינס טאג זענין ווייני תורה ומצות נאך גיגאנגין זייא האבין אלץ גיטראכט אוף עולם הזה אונ אירי תאוות אוף דער וועלט אן גילייגט זייא האבן פיל עבירות גיטאן אונ האבין קיין תשובה דרוף גיטאן ביז זייא זעהן דר טוט קומט אוף זייא דער נאך האבין זייא חרטה אונ טוען תשובה זאלכע תשובה איז גאר שווער דען דער שטן קומט צום מענטש איידער ער שטארבט אונ רייצט דעם מענטשין אן ער זאל גאט פאר לייקינן. נון ווען דער

מענטש

מענטש אים אלי זייני טאג גפאלגט הט איז פאר גוים אלס ער אים דאס
מאל אוך פאלגט חס ושלום. דאך ווען ער אים ניט פאלגט אונ האט
חרטה אוף זייני עבירות אונ איז מתודה אונ איז מוסר זיין נשמה צוא
הקדוש ברוך הוא איז זיין תשובה אן גינומן אונ העלפט אים דאס איז דיא
פירטי כיתה אבר זייא מוזן גאנץ ענג זיצן אין שיף דאס מיינט מען לעולם
הבא ווען זייא עונשים האבין אום גשטאנדין זענין זייא פארט ניט זוכה
אזו וויא דיא ערשטי דרייא כיתות וויא וואול עס ווער בילך ניט מקבל
צוא זיין איר תשובה ווייל זייא איר נשמה פאר אום ריינגט האבין דאך
הקדוש ברוך הוא איז איין רחמן בגערט ניט אז איין נשמה זאל פאר
פאלין זיין אונ נעמט תשובה אן אלי צייט ווען איינר גלייך דיא גרעסטי
עבירות האט גיטאן נעמט השם יתברך תשובה אן וויא מען געפינט
מנשה מלך ישראל דער האט איין געטץ אין היכל גשטעלט אין קדשי
קדשים אום זונסטן נאך עבירות גיטאן דאך וויא אים דער מלך אשור
האט גיפאנגין אונ האט אים אין אקעסיל גיטאן איבר דעם פייאר האט
ער גאט אן גירופין מיט דעם גאנצין הארץ האבין דיא מלאכים זיין תפלה
ניט וועלין לאזין קומין פאר השם יתברך האט גאט אים איין חתר
גיטאן דאס זיין תפלה איז גקומן פאר דעם כסא הכבוד אונ האט זיין
תשובה מקבל גיוועזין. דיא פינפטי כיתה דיא ניט צום שיף גקומן זענין
אונ דיא חיות רעות האבן זייא דער נאך אוף גגעסין דאס מיינט מען דיא
גרוסע רשעים דיא איר לעבין טאג זענין עבירות נאך גיגאנגין אונ פון
וועגין גרוסי תאוות לבות דיא זייא האבין גיהאט האבין זייא קיין מצות
גיטאן אוף דער וועלט אונ האבין איר זארג אוף ניקשט אנדרשט אן גלייגט
אלס אוף געלד אונ פרעסין אונ זופן אונ האפרדיג גפירט אונ האבין
אפילו אן אירין טוט קיין תשובה גיטאן דאס זענין רעכטי רשעים דיא ניט
חוזר בתשובה זענין אפילו אוף דער טיר פון גיהנם זענין זייא ניט חוזר
בתשובה דיא קומין ניט צוא לאנג אונ זענין פאר פאלין לעולם הבא אונ
מוזן ליידין אלי עונשים פון מלאכי חבלה חבוט הקבר זייא קומן אין דעם
אונטרשטין גרוב פון גיהנם דאס איז דיא פינפטי כיתה. עס שטייט אין
מדרש וועמין איז וויינר אונ ווייא ווער האט צוא טרואן אונ צוא קלאגין צוא
דיינין אונ צוא זארגן ווער פיל געלד אונ גוט אונטר זיך לאזט אונ נעמט
מיט זיך פיל עבירות:

משל גנבים זענין אין איין תפיסה גזעסין אונ אין דר תפיסה איז איין ענג
לאך גיוועזין אזו האבין זיך אלי דורך דעם לאך דורך גידרוקט
אונ זענין אנטלאפין ווען זייא גלייך שווער איז אן קומן אוי זייא זיך האבין
קענן דער דורך דריקין. איינר איז אונטר זייא גוועזן דער איז ניט אוועק
גילאפן דער זעלביגר איז גיהאנגן ווארן אזו אוך השם יתברך עפינט איין
לאך צוא דעם חוטא אז ער זאל תשובה טוהן ווען זיין תפלה קומן פאר

דעם

דעם כסא הכבוד וועלכר אבר זיך ניט דער דורך דרינגט אונ איז איהם צוא שווער תשובה צוא טון דען גייט עס וויא דער פינפטי כיתה אויס גייט · דרום איר ליבע לייט מען מוז וואול משא ומתן טרייבן דאס מען האט צוא עסין אבר טוא אן דיר זעלבסט ניט פאר געסין · אונ וואס דוא ניט נייטיג האסט טוא פאר שפארן אונ נעם דיין נשמה אין אכט אונ טוא זיא וואול באוואהרן אונ זארג ניט געלד צוא זאמלין דען האפין אונ הארין מאכט פיל צום נארין · אונ ווען דיר גאט צו שיקט איין שאדין נעם עס אן אין גרויס פריידין דעם וואס השם יתברך צוא שיקט איז אלין צום גוטען ווען איינעם גאט שטראפט אלס ער קיין געלד האט אפשר האט ער מוזן גרוסע רייזן טון אונ ווער דער טרונקין אונ ער ווער אום זיין לעבין גקומען · איין מאל זענין צוויא חברים גיוועזין האבן גוואלט רייזן נאך סחורה איבר דעם ים וויא זיא ביידי האבן גוואלט צום שיף גיין האט איינר איין דארין גיטרעטין אונ זיין פיס איז אים גישוואלן גיווארין אז ער האט ניט קענין ווייטער גיין אונ האט מוזן צוא ריק בלייבן אונ זיין חבר איז פארט גירייזט מיט דער שיף נון דער ערשטער האט יאמער גיטריבן ווייל זיין רייזן איז ניט פארט גיגאנגן אונ האט גיזאגט וויא וועט ער נעמין ווייב אונ קינדר צוא דער נערין אונ האט גירעט מיט זיך זעלבסט איך האט קענין א׳ פיל פאר דינן אונ אצונד מוז איך זעלבע יסורים ליידין אונ קאסט מיך געלד אונ דאס מייניגע מוז איך פאר צערין אין עטליכע וואכן איז איין בשורה גיקומען וויא דיא שיף איז אונטער גיגאנגין אונ זיין חבר איז דער טרונקין גיווארין אזו באלד אז ער זעלכס האט גיהערט האט ער שבח והודיה גיגעבן אז אים גאט זעלכס האט צוא גשיקט דאס ער האט ניט קענין רייזין ווען ער ווער אוך דער טרונקין גיווארן · נון זעה איך וואול אז אלין וואס גאט דעם מענטשין צוא שיקט איז אלין לטובה · אוך ווער דא פאלט שטייט גיוויינליך ווידר איף דרום גיהער דער מענטש זיך ניט וואונדערין אונ דער שרעקין ווען אים אצרה צוא קומט דער וויל ער ניט ווייס דעם ענד פון דער זאך · אין פסוק שטייט יש דרך ישר לפני איש ואחריתה דרכי מות איז טייטש דעם מענש גיפעלט זיין וועג וואול ווען ער כבוד אונ עשירות האט אבער עס ווערט אים אפטער ביטר אונ איז דעם מענטשין זיין טוט וועלכר הייסט איין עושר דער נחת רוח האט מיט זיין עשירות אונ לאזט אנדרי גניסין פון דאס איז דער גרעסטער נחת רוח ווער אנדרי הערצר משמח איז אבער ווען ער נאך אזו פיל געלד האט פאר זיך אונ זיין הוז פאר שלאסין אונ קיין עני לאט גניסין אונ אמאהל האט ער אליין אוך דער פון קיין הנאה דער הייסט איין עני אוף אים איז גיזאגט כל ימי עני רעים אלי דיא טעג פון איין עני זענין שלעכט ווען ער גליך פיל געלט האט · אבר ווען ער ווייניג האט אונ איז זיך משמח מיט זיין ווייניג אונ טוט גוטס נאך זיינעם פר מעגין אונ איז מקיים תורה ומצות דער הייסט

איין

איין עושר דער שמחה האט וואס עס גאט צוא שיקט ווען שון אלס בייז איז קאן דער מענטש ניט וויסן וויא הש"י איין טובה דרוס מאכין קאן: דרוס איז ניקס בייז צוא פאר שמעהן גיארט וואס פאר גוים בייז איז: דאס איז איין עבירה צוא טוהן אבער זונסטן אלי גשיכניש זענין ניט פאר גוים בייז. אפילו דער טוט מיינט מען עס איז ניט ערגירס אלס דער טוט: שטייט אין מדרש והנה טוב מאוד זה וכו' דער טוט איז גאנץ גוט דר מענטש איז בשאפין גווארין דאס ער זאל שטארבין אונ נאך דעם טוט קומט ער לעולם הבא דאס איז דער תכלית פון דעם מענטשין. דיא פארכט אונ דיא שרעקין פון דעם מלאך המות איז גרוס אבער דער טוט איז גוט כאו' איין צדיק איין רשע ער מעג זיך אין אכט נעמין. כל שכן אנדרי בייז בגעגניש אונ גשיכניש דאס זייא גוט זענין גיארט דער מענטש דער קענט ניט וואס ווידר זיין נאטור איז. זעה ווען איין קינד ווערט גיבארין וויינט עס וויא וואול עס איז בעסר אוף דער וועלט דאס איז עולם המעשה דאס ער קאן גוטץ טאן שרייאט עס דאך אונ ווען מען עס דער נאך וויא פיל געבן אז ער זאלט ווידער אין מוטערס לייב זיין טוטיער עס ניט דער נאך ווען מען דאס קינד אנטוויינט שרייאט עס אונ וויינט ווידר וויא וואול עס צוא בסערין שפייז קומט וויינט עס דאך אונ דער נאך נעמט עס ניט וויא פיל דאס ווידר זייגין זאלט. דאס גלייכין ווען דער מענטש שטארבין זאל איז אים וויא פאר דעם טוט וויא וואול דער נאך קומט ער לעולם הבא אונ ווען מען דער נשמה זעלט זאגין זיא זעלט ווידר אוף דער וועלט גייאן אונ כל הון דעלמא האבין וויל זיא עס ניט טואן עס איז איר גנוגין וויא מען זיא מוז איבר דאנק מגולגל ווערין וועגין מצות דיא דער מענטש דאס ערשטי מאל ניט רעכט גיהאלטין האט ממילא איז אלס ליב וואס דיא נאטור גוואונט איז זעה ווען איינער איין לאנגע צייט גיוואונט איז אין דער פינסטר צוא זיין קאן ער דער נאך ניט אין דיא ליכט זעהן ער מוז ערשטליך איינציג וויים גיוואונט ווערן דרום גהער מען דיא נאטור צוא תורה ומצות צוא האלטן זיך צוא גיווינין. אונ וואס דא צוא קומט פון גשיכניש איז ניט בייז אונ דער מענטש בדענקט זיך ניט אלס ער אזו איין שפל בריה איז אונ קומט מטיפה סרוחה אונ הקב"ה איז אזו גרוס מעכטיג זעלכם גיהער דער מענטש אלי רגע גידענקן ניט זארגין ניט זינדיגן. נון בן אדם ווען אלי דיא הימלן פארמיט ווערין אונ אלי ביימר פעדרין ווערין אונ אלי וואסיר טינט ווערין איז ניט צוא דר שרייבן דיא גרוס וואונדר אונ אכפעריקייט פון דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא אונ אלם האט גאט מיט זיינע הייד בשאפן אלס ווערט ערנערט פון גאט ברוך הוא. אונ אוף אלעם איז זיין השגחה אונ גאט הט תמיד זיין השגחה אוף דעם בן אדם אונ וויסט אלי זייגע פאר בארגניש וואס דער מענטש טוט. נוא ווארום זאלין מיר מענטשין וואס קומן פון דער ערד אונ גייען ווידער צוא

דער

דער ערד גאוה טרייבן אונ זיינער זארג אונ דאגות אויף עולם הזה אן לייגן
זאלט וואול דער עולם פון זעלבע לייט וועגן זיין בשאפין אודר איז דאס
דער תכלית פון דעם עולם גאטס ווארט ניט אין אכט צוא נעמן זייני
שטראף ניט פאר ליב אן צוא נעמן פון אזו איין גרוסן מלך אונ דר מענטש
אזו גראב אן זיך זעלבסט זאל טועה זיין אונ זאל ניט פרובין אונ קלייגין
וואס דער מענטש איז. וויא גייט אים איבר זיין הארץ זיך איין צוא
בילדן אז ער איז ווערט אלס גוטס צו האבן אונ גאט זאל דר צו ניקס בייז
צוא שיקן אונ אלי צייט אים נאך זיין ווילין זאל גיין. אונ ווען עס איט
ניט גייט נאך זיינעם ווילין טוט ער שרייאן אונ ווינן אונ מיינט עס גשיכט
אים אום רעכט. אונ טראכט עס איז אלים גישעכיניש חס ושלום ניט
פון גאט דוא נארישר מענטש שלמה המלך האט גיזאגט אולת אדם תסלף
דרכו ועל יי יזעף לבו איז טייטש דער מענטש גייט אין איין קרומין נארישן וועג
אונ ווען אים וואס צוא קומט ברומט ער קייגן הש"י מיר בעטין אלי טאג
חננו בינה דעה והשכל גאט זאל אונז געבן קלוגהייט אונ ווייסנשאפט אונ פאר
שטאנד וויא זאל איך מיך ניט שעמן זאלכס צוא בעטין ווען איך עס אויף
עולם הזה אן לייגן טוא. אבר דער צדיק וייס וואול דאס וואס דער מענטש
האט גיבט אים הש"י בחסד ווען ער דאס אויך ניט האט ווער אויך גוט ער
דענקט זיך איך בין דאס אויך ניט ווערט. דרום ווען הש"י איינם יוא גיבט
פיל גוטין אונ ער האט הצלחה אונ גליק אין אלים גיהערט ער הש"י שבח
והודיה געבין פאר דעם אונ ניט טראכטין דאס הש"י אים פון זיין צדקות
האט גגעבין אזו וויא משה רבינו האט ישראל גישטראפט דוא ווערסט
קומן אין ארץ ישראל אונ ווערסט אלס גוטץ האבין זאלסטו ניט מיינן דיין
חכמה דיין משא ומתן האט צוא וועגין גיבראכט נייארט גאט גיבט עס דיר
בכדי דוא זאלסט גאט בשמחה דינען שמחה של מצוה אונ דוא זאלסט
דיך ניט זייער מיט דיין שלוה משמח זיין דען אלי זאכין קענין זיך באלד
ענדרין נאך דער גרוסע גדולה קאנסטו באלד שפל ווערין נאך גרויסין
כבוד קאנסטו חרפות האבין. שלמה המלך האט גזאגט צוא אלים איז
איין צייט עס גווערט ניט איביג. דרום פרייא דיך ניט זייער ווען דוא
האסט אונ דער שרעק ניט ווען דוא פאר לירסט עס. אלכסנדרוס מוקדון
האט אזו איין מעלה גיהאט דיא ניט צוא דער שרייבין איז. אונ האט זיין
העלפט יאר ניט אום דער לעבט. דריוש איז אום גקומן פון דעם אלכסנדר
אין זיין איינגנעם שלאס. דאס גלייכן פיל חכמים חשובים ונבונים גדולים
וואס זייא צרות זענין צוא גקומין. ווען מען זעלט דער שרייבין אלי בייזי
גשיכניש אונ בייזי בגעגניש וואס אנשים גדולים אונ אנדרי לייט חשובים
צוא קומן אונ גשעהן איז מוז מען פיל פאפיר דער צוא האבין דער סדר
עולם איז אזו. דרום וועלכר איין קלוגר מאן איז אין גאטס פארכט זאל אים
איין צרה ניט דר שרעקין אויך אין איין שמחה ניט אזו גרוס זאל פרייאן

דען

דען עס איז פיל שלא כסדר אויף דעם עולם. מענכער עם הארץ האט עושר וגדולה. מענכער למדן האט שפלות און איז מבוזה. זיין צדקות טוט מען קרוב איינעם עם הארץ אודר איינם רמאי געבין. און דער למדן שנארט ארום אין דער וועלט און מענכי מאל איז דער צדיק גיפלאגט מיט יסורים מיט דלות זייני קינדר שטארבין אוס און מען זעהט לייט אנשי בליעל דען גייט עס נאך אירין ווילין אלס וואס איר הארץ וויל טוט עס זייא ניט מאנגלין. אהין איז בייא אים פאלקומליך לוטר שמחה און בייא דעם צדיק איז לויטר צער. עס גייט אנשי בליעל קיין צער אין אירין זין. דס גלייכן אין אלי זאכין איז דער צדיק מער גיפלאגט ואלכם איז יא איין גרוס וואונדר אבר זאלסט וויסין אלס זיך משה רבינו דרבר פאר וואונדרט האט און האט הש"י דיא קשיא גיפרעגט וויא דאס קומט אז דא רשעים בגליקן אין אליבוועגין און דער צדיק ניט. דיא תשובה איז גוועזין הש"י בצאלט איטליכן מענטש זיין לון אויף זייני מצות און שטראפט אים אויף זייני עבירות. נון דר רשע האט פיל עבירות און ווייניג מצות בצאלט אים הש"י זיין לון וואס אים גבירט פאר זייני מצות אויף דער וועלט דרום טוט זייני ווערק בגליקין און לעוה"ב ווערט ער גישטראפט אויף זייני עבירות און האט עולם הבא פר לורין דרום זאגין מיר אין סליחות גאט דוא ביסט ארך אפים און ווערסט גרופין איין רחמן און האסט אונז גיגעבין דעם וועג פון תשובה. וויא קומען דיא דרייא צונאנד אזו האט חמי זקני הגאון ר' שמואל קאידינבר ע"ה דעם פשט גיזאגט דיא גמרא זאגט הש"י איז ארך אפים ער האלט אויף זיין צארין און בצאלט דעם רשע ניט אויף זייני עבירות אויף דער וועלט דער ווארטין אז ער עולם הבא זאל פאר לירין דרוף פרעגט תוספות איין קשיא ארך אפים איז גרעכנט איינם אונטר דיא י"ג מדות פון הש"י זיין לוטר מדות רחמנות נון וואס פאר רחמנות איז דאס ווען ער עולם הבא פאר לירט. ענטפרט תוספות עס איז יא איין מדת רחמנות הש"י לאט דעם רשע זיין יאר אוס לעבין אין לוטר שמחה וששון ווערט ער זיך בדענקין אונטר דער צייט און ווערט תשובה טאן אויף זייני עבירות דען האט ער דיא וועלט און בקומט יענע וועלט אויך דרום זאגין מיר דוא ביסט ארך אפים דוא גיבסט דעם רשע דיא וועלט דאס ער עולם הבא פר לירט. דרוף איז קשה דוא הייסט דאך איין רחמן און דאס איז דאך קיין רחמנות ניט ווען עולם הבא פאר לירט. ענפרט מען דוא האסט אונז דעם וועג פון תשובה גילערינט ממילא קענין מיר תשובה טאן און קענין עולם הבא אויך האבן אבר דער צדיק דער האט פיל מצות און ווייניג עבירות דרום שטראפט אים הש"ת אויף דער וועלט מיט יסורים פאר זייני עבירות דעסט וועגן אז ער עולם הבא זאל האבין און לעולם הבא ווערט ער ניט גישטראפט דרום גייט עס דעם צדיק איבל אויף דר וועלט אפילו אגוטן חלום זעהט איין צדיק ניט וויא דיא גמרא זאגט איין רשע דעם

ווייזט

וויזט. מען גוטי חלומות אונ דעם צדיק בייזי חלומות · אחיתופל אונ דוד המלך · אחיתופל האט גילעבט האט ער קיין בייזין חלום געזעהן דער וויל ער איין רשע איז געוועזין אונ דוד המלך האט זיין טאג קיין גוטין חלום געזעהן דער וויל ער איין צדיק איז געוועזין דער הארטין ער זאל תשובה טון אוף זיין עבירות דען עס איז קיין צדיק דער ניט איין עבירה האט גטאן · דער אן קאן מען זעהן דאס דיא נשמה בייא דעם מענטשין איז · דען דער גוף זעהט קיין חלומות דיא דאס וואר ווערן דאס האט דיא נשמה געזעהן · דער גוף זעהט חלומות נארשקייט וויא דאס קומט פון עסין דיא שטייגן אין קאפף אונ זענן אים מבלבל דעם גלייכן אלפים ורבבות וואס חלומות זעהן אלס איינר שטארבין זאל אונ ווערט דער נאך וואר · דאס וייס איך זעלבסט וויא מיין מוטער ע"ה הצנועה מרת געלא גישטארבין איז האב איך גיזעהן בק"ק קאירדוב איין חלום וויא מען מיין מוטר האט אום גיטראגן אוף איינר מטה אונ ארוני אבי שי' האט גיוויינט אונ גיטרואערט הש"י זאל ווייטר קיין צרה צו שיקן אונ מיר שטארקן דיא נשמה לעבודתו · אך פעם אחת איז מיר מיין הארץ שווער געוועזין וויא איך בין אונטר וועגין געוועזין ניט וייט פון דער היים האב ניט גוואוסט וואס עס בטייט אונ איידר איך בין אהיים גיקומן שמעתי מבשורה רעה שבני מאנוס איז נפטר גיווארין זאלכים גשיכט לאלפים ורבבות לייטן אלס איר הארץ בשווערט איז אונ זעלבינג מאל וייא איין סבה קומט דאס מאכט ווען גלייך דער גוף ניקס וייס אבר דיא נשמה וייס אבר אלס · אוך מענך מאל קומט איין בענקניש אוף דעם בן אדם אום גרעכט דאס קומט אוך אלס דיא נשמה טרויערט דען וייל דער יצר הרע איז מושל אונ דער מענטש פאלגט אים אלס · אמאל קומט דער ארום מאן דער שפל איז אונ איז פאר געסין אז אוך פאר געסט דער מענטש דעם יצר הטוב אמאל טרוארט דער יצר הטוב דאס בטייט דיא בענקניש דעז גיהערט דער מענטש זיך בדענקין אונ תשובה טון · דאס גלייכין זענן פיל זאכין אלס ניט אנדרשט צוא פאר שטיין איז דאס פון דער נשמה קומט · עס שטייט אין מדרש איינר האט אמאל זיין ברודר אום גיבראכט איז דיא מומר גיגאנגין אונ האט איין גלאז פול מיט בלוט גנומן אונ האט אלי טאג נאך דעם בלוט גיזעהן האט עס גיזאטין אין דעם גלאז ביז דער ברודר ניט לאנג דער נאך גשטארבין איז האט דאס בלוט אוף-גיהערט צוא זידין · וויא פיל בלוט האט נבוזראדן פאר גאסין אוף דעם בלוט פון זכריה הנביא אונ האט ניט גוואלט אוף הערין צוא זידן אונ האט גוואלט איין נקמה האבין דאס איז אלץ מצד הנשמה :

דער כלל איז ראשית דבר יראת ה' פר אלי זאכן גייט גאטס דינסט דרום וויל איך שרייבין אמייל דינים דאס דער מענטש זאל וויסין וויא מען זאל גאט דינין ; צוא מארגנס ווען דער מענטש אוף וואכט גהערט ער

אוף

אויף עולם הבא צו טראכטן אונ קיין ווארט צוא רעדין ער זאל זיך תיכף וואשין אונ זאל זיך ריין מאכן אונ זאל שבח געבין הש"י דער אים זיין נשמה האט ווידר גיגעבין וויא פיל בלייבין ליגן אונ שטארבן דרום איז דם ערשטי הש"י שבח צוא געבן אונ אטייל ברכות אונ אדון עולם זאגן דער נאך קאן ער זיין ווערק פאר ריכטן ביז מען אין שול גייט דען זאל ער בשמחה אין שול גיין. דיא גמרא זאגט דער מארגין שלאף ברענגט דעם מענטשין אום עולם הבא דען פיל פר שלאפין דיא שול אונ אנדרי בייזי זאכין דרום האבין זייא גזאגט דער מענטש כוז זיך שטארקין וויא איין לייב דאס ער פריא זאל אוף שטיין גאט צוא דינין אונ ח"ו דיא שול ניט צוא פר שלאפן זאלכס איז איין גרוסי מעשה רע אלי זאלן גאט לובן אונ ער זאל זיך אום שליסן. ווען עס ווערט טאג איז דיא צייט תפלה צוא טאן אונ עס איז אסור איין מלאכה צוא טאן אפילו לערנין אוף תהלים דארף ער ניט זאגין ער מוז ערשטליך זיין תפלה פאריכטען אונ ניט אלם אטייל ווען זייא אוף וואכין ליגן זייא לאנג אין דיא בעטין איידר זייא אוף שטייען אונ טראכטין אירי עסקים אטייל רעדין מיט וויב אונ קינד אטייל גייען לאנג ארום אום גוואשן פאריכטן ערשט איר ארבייט זאלכים איז איין איסור. ווער האט גאט ליב זאר זאלכעס ניט טאן וואל דעם וואס וואסר שטייט ביא זיין בעט אזו באלד ער וואכט זיך אוף קאן ער זיך תיכף וואשין אונ קאן אברכה מאכין אונ שבח געבין צוא הש"י אונ אז עס ווערט טאג קאן ער תיכף זיין ארבע כנפות אן טאן אונ ברכה מאכין על

מצות ציצית:

מעשה איינר איז איברין ים גיפארין מיט זיין קנעכט אין איין פרעמדר מדינה האנדלין אונ האט גרוס געלד מיט זיך גנומן אונ דיא פרוא האט ער אין דר היים גלאזט מעוברת. נון דר סוחר איז גשטארבן אונ האט פיל געלד גלאזט אונ דר קנעכט האט אלס בהאלטין דען דר קנעכט האט גזאגט ער איז זיין זון. נון דיא פרוא דער היים האט איין זון גוואונין אין ער איז דער צוגן גוואורן אזו האט דיא מוטר צוא דעם קינד גזאגט מיין קינד דיין פאטר האט אזו גוטין גילאזן אונ איז אלין ביא דעם קנעכט גיבליבן פאר אהין טאטר ווערסטו דאס גוט בקומן. אזו איז ער אהין גצוגן וויא ער איז אהין גקומן האט ער גזעהן דער קנעכט איז זייער תקיף גוועזין אונ האט גרוסי שדוכים מיט זייני קינדר גטאן מיט דיא גרוסי חשובים אזו האט ער מורא גהאט איין ווארט צוא רעדין אונ איז גיגאנגין איין שטיין ביא דעם רב דער האט גיהייסין רבי סעדיה בן יוסף אונ האט ניט גוואלט עסין ביז ער ערשט האט דר ציילט וויא עס גייט אים אזו האט אים רבי סעדיה איין עצה געגעבין ער זאל עס דעם שר פאר קלאגין אזו איז ער גגאנגן צום שר אזו האט דער שר גישיקט נאך דעם רבי סעדיה ער זאל דעם פסק געבין אין דער זאך. אזו האט רבי סעדיה גהייסין מען זאל

ביידי

ביידי אדר לאזן אונ דאסבלוט אין איין בזונדר בעקין מאן דער נאך הט
רבי סעדי גהייסן מען זאל אים ברענגן איין צאהן פון דעם גישטארבנים
פאטר אונ האט נאך איין צאהן גנומן פון איין אנדרין טוטין אונ האט
ערשט דאס פרעמדי ביין אונ ביידי בלוט גטאן איז דאס ביין ניט רוט
גווארין פין דעם בלוט דער נאך האט ער גנומן דאס ביין פון דעם פאטר
אונ האט עס אין קנעכטס בלוט גטאן האט דאס ביינדיל קיין בלוט אן
זיך גזאפט דער נאך האט ער דאס ביינדיל אין דעם זוהנס בלוט גטאן איז
דאס ביין גאנץ רוט גווארן אונ דאס בלוט האט זיך אין דעם ביין אריין
גצויגן דער ווייל עס איין גוף איז פאטר אונ זון אזו האט דער קנעכט דאס
געלד מוזין ווידר געבין דעם זון · איין פאשע האט אמאל צווייא ברודר
לאזן אום ברענגין אונ זייא האבן גשריגן זייא זענין אום שולדיג אונ דער
פאשע האט זיא ניט וואלין צוא הערין אזו האבין זייא צום פאשע גזאגט
וועסטו אונז לאזן אום ברענגין אזו מוזט דוא מיט אונז שטיין למשפט
איידר דרייסיג טאג אום גייען דער פאשע האט זייא דאך לאזן אום
ברענגין נון וויא עס איז גקומן אין דעם דרייסיגסטן טאג איז דער פאשע
גגאנגין שלאפין אין זיינער קאמיר זענין דיא קנעכט גקומין אים אוף צוא
וועקין איז ער טוט גוועזין · ועליבס איז גשעהן עטליכי מאל אלס איינר
דעם אנדרין האט מזמין לדין גוועזין · אין דער גמרא שטייאן פיל מעשים
דער כלל איז עס קומט אלס מצד הנשמה אוך מענכע מאל ווערט דער
מענטש פלוצלונג דער שראקין אונ פארכט זיך · אוך איז ברוק ומנוסה
ווען איין גנב אין דעם הוז איז ווען גלייך דער מענטש אים ניט זעהט
פארכט ער זיך דאס מאכט אז דיא נשמה אלס זעהט · וויא דניאל האט
גזאגט איך האב אליין געזעהן דיא מראה אונ דיא לייט וואס מיט מיר
זענין האבן ניכשט געזעהן אבר זייא האבן זיך שטארק דער שראקין · דיא
נשמה זעהט פיל דרום לרוב אין לערנין אונ תפלה טאן מוט מען זיך
שאקלין דען דיא תורה הייסט אור אונ פון תענוגי עולם הזה האט דיא
נשמה קיין הנאה ניארט ווען דער מענטש תפלה טוט אונ תורה לערינט
דעם האט דיא נשמה הנאה אונ איר ליכט ווערט דער וועקט אונ אן
גצונדן דרום טוט מען זיך שאקלין גלייך איין ליכט דאס דא ברענט שטייט
עס ניט שטול · עס שטייט רב שרירא גאון הט שאלות חלום גיהאט וועגן
דער גאולה האט מען אים גוויזן דעם פסוק אסף אאסף יעקב וגו׳ גרוסי סורות·
דער אבן עזרא האט גמאכט שאלות חלום וועגן דיא גאולה האט מען אים
גוויזן דעם פסוק מישאל אלצפן וכתרי איז טייטש דייני שאלה איז פאר
בארגן · אין שבולי לקט שטייט וויא איין גרוסי גזירה איז גוועזין אין
דעם יאר אז מען האט גיצייליט פינף טויזנד אונ פיר דענסט מאל האט
מען פאר ברענט אין פרשת חקת פיר אונ צוואנציג וועגן פיל ספרים אין
צרפת אזו האבין דיא רבנים שאלות חלום גיהאט צוא וויסן אוב עס איז

איין

איין גזרה מן השמים אזו האבן זיא תשובה בקומן דא גזירות אוריתא אוף דיא ווערטר זאת חקת התורה מאכט דער תרגום דאס איז דיא גזירה פון דר תורה דאס מאכט וויל די נשמה איז איין חלק אלוה ממעל פון הימל דרום קאן זיא וויסן וואס אין הימל דער מער איז אונ דוקא אין חרום אז דער גוף שלאפט גאט האט דעם מענטשן איבר אלים מאכט גגעבין ווען דר מענטש עס שון ניט פאר שטייט אונ זעהט עס ניט מיט אוגין זעהט דיא נשמה דאך · פאר צייטין האבין דיא חכמים לרוב גקענט מחיה מתים זיין · רבי פנחס בן יאיר האט דעם וואסיר וואס האט גהייסין גינאי דרייא מאל נאך אנגדר גשפאלטן · חכמת הקבלה איז ניט מיט דעם שכל צוא פאר שטיין נייארט ווער עס האט איין הויכי נשמה דער קאן זוכה זיין צוא רוח הקודש עס בפינט זיך פיל מעשים פון דעם היילגין מאן רבי יצחק לוריא מיט זייני תלמידים ער האט זיך אופט גישפרייט אוף שמעיה ואבטליונם קבר אונ אוף אנדרי תנאים קברים אונ האט שמות אונ יחודים גימעלט אונ האט גיבראכט דיא נשמה אין דעם תנא דער צדיק דער אין קבר איז גלעגין אונ האט דעם רבי יצחק לוריא מגלה גוועזין גרוסי סודות התורה אונ מעניכי מאל האט ער זייני תלמידים גשיקט זייא זאלין סודות התורה גיוואר ווערין · איין מאל האט ער גשיקט זיין תלמיד ר׳ יצחק כהן ער זאל גיין אוף דעם תנא ר׳ יהודה בר אילעים קבר דער זאל אים סודות מגלה זיין אונ אים איבר ענטפערט שמות אונ יחודים וואס ער זאל מכוון זיין אוף דעם תנאס קבר אונ האט אים בפולין ער זאל קיין ווארט ריידין אונטר וועגין · נון איז ער גיגאנגן אוף דעם תנאס קבר אונ איז ווידר צוא ריק גקומן דער תנא האט אים נישט מגלה גיוועזין אונ וויא ער איז גקומן צוא זיין רבי ר׳ יצחק לוריא אונ האט אים גזאגט וויא ער האט קיין תשובה בקומן האט רבי יצחק לוריא צוא אים גזאגט ווארום האסטו ניט גיהאלטן וואס איך האב דיר בפולין דוא זאלסט מיט קיין מענטש ריידן אונטר וועגין דאס זעלביג האסטו עובר גיוועזין אזו האסט איינם שלום גגעבין אונטר וועגין · אמאל האט ר׳ יצחק לוריא זיין תלמיד ר׳ חיים וויטל גשיקט ער זאל גיין אוף אביי ורבאס קברים אונ האט אים שמות אונ יחודים מוסר גוועזין אזו איז רבי חיים וויטאל אהין גגאנגין אונ האט זיך אוף אירי קברים גשפרייט אונ זיין יחודים גימעלט אזו האבין זייא אים גרוסי סודות התורה מגלה גוועזין אונ וויא ער ווידר גקומן איז רבי יצחק לוריא אוף גישטאנין אונ צוא אים גזאגט בשמחה רבה ברוך הבא אונ האט אים גזעצט צו זיינר רעכטי האנד האט רבי חיים גיפרעגט רבי ווארום טוט איר מיר אצונד זעלכן כבוד אן מער אלס איין אנדרס מאל דאס איז אומזונסט האט רבי יצחק לוריא צוא אים גזאגט ניט פון דיינט וועגין בין איך אוף גישטאנן אונ ניט צוא דיר האב איך ברוך הבא גזאגט נייארט בניה: בן יהוידע איז מיט דיר גקומן האב איך

דעם כבוד אן געטאן און האבן ניט געוויסט וואס עס באטייט ווארום בניהו
בן יהוידע מיט אים געקומען איז . צוויא חדשים דער נאך איז רבי יצחק
לוריא מיט ר' חיים געגאנגען צוא דעם דארף וויא אביי ורבא באגראבן זענען
און האבן געוואלט דארטן תורה לערנען אונטער וועגן וויא זייא זענען אוף דעם
וועג געוועזין זאגט ר' יצחק לוריא צוא רבי חיים וויטאל איך זעה אוף דעם
פלאץ ליגט באגראבן בניהו בן יהוידע און איז קיין צייכן ניט דא געוועזין
אין דעם דר מאנט זיך ר' חיים וויא ער איז געגאנגען אוף אביי ורבים קברים
אלס ער האט זיך אונטער וועגן אנידער געזעצט אוף דעם פלאץ וויא דר בניה
בן יהוידע איז בגראבן און האט זייני שמות און יחודים אום דער מאנט
דאס ער זאל זיך ניט טועה זיין ווען ער ווערט זייא זאגן אוף אביי ורבא אזו
האט ר' יצחק לוריא גרעט נון איז וויסיגליך ווארום ער מיט דיר געקומען
איז דארך דעם יחוד וואס דוא געמעלט האסט איז זיין נשמה דר וועקט
געווארין און איז אין זיין גוף געקומען . דרום איז ער מיט דיר געקומען . נון איז
צוא זעהן וואס דיא נשמה קאן פועל זיין . רבי יצחק לוריא איז איין איש
קדוש געוועזין . עס זענען פיל לייט צוא אים גצוגן און האבן פון אים תשובה
גנומן אוך גרוסי רשעים האבן זיך פאר בארגן פאר אים דען ער האט
געקענט חכמת הפרצוף האט איטליכן קענין זאגין וואס ער פאר איין
עבירה האט געטאן דען אלי עבירות זענין דעם בן אדם געצייכנט אוף זיינעם
שטערין דרום שטייט איין גרוסי ת"ו תמים תהיה עם ה' אלהיך דס איז טייטש
דוא זאלסט גאנץ זיין מיט הש"י . און ווען דער מענטש זינדיגט איז זיין
צורה ניט גאנץ . דרום שטייט ווען איינר תשובה טוט און וויינט אוף זייני
עבירות דיא ער האט געטאן מיט גאנצין הערצין זאל ער דעם שטערין אפ
וואשן מיט זייני טרערין . עס שטייט חכמת אדם תאיר פניו דיא נשמה דער
לייכט דעם בן אדם זיין פנים דרום זעהט מען ניט דאס וויא לייט גלייך
זענן איטליכר מענטש האט איין אנדערי צורה דאס איז צוא פאר שטיין
דס דיא נשמות זענין ניט גלייך . עס שטייט איין חיה ברענגט קיין מענטש
אום דאס לעבין סייהן ער דענקט דער מענטש איז דען איין בהמה ווען דר
מענטש איז פרום און זיין פנים גאנץ איז דיא נשמה לייכט אוס דעם פנים
קאן אים קיין חיה ניקס טאן אבר ווען דער מענטש זינדיגט דעם ווערט
זיין צורה פאר ענדערט דעם קאן אלס בשעפעניש אן אים מושל זיין :

משל איין שר דער מעכטיג חשוב איז בייא דעם מלך דער וויל דער שר
תקיף איז האבן אלי מורא פאר אים און פאלגין אים אלי מיט אנאנדר
אבר ווען דער שר זיך ניט וואול פאר האלטין טוט און ער פאר לירט זיין
חן דער מלך האט איין שנאה אוף אים אזו באלד פר לירט ער זיין חשיבות.
אזו אוך הש"י מיט דעם מענטש . נון וויל ער פרום איז און לערינט
תורה איז ער תקיף בייא הש"י וויא מען געפינד אביי און אנדערי תלמידי
חכמים דאס מען רופט אום אין הימל מען זאל געווארינט זיין אן דעם

תלמיד חכם אונ זיינער תורה . אבער ווען ער איז הוציא אזי פאר לירט
ער זיין חן ביא הש"י דעם קאן אלס מושל אן אים זיין · דאס אלס האב
איך גשריבן דעם מענטשין צוא וויסן טאן דאס דיא נשמה איז ביא אים
עלטר אלס דער מענטש דער איז איין צדיק שטארקט זיך דיא נשמה ביי
אים אונ וויא מער חכמה אונ תורה קאן ער אויף דיא עלטר דאס מאכט
אלס דר וייל דיא נשמה איבינליך איז אונ עס קומט נאך דעם טוט קומט
דיא נשמה צוא דעם איביג לעבן אבר ביא דעם רשע וויא עלטער ער
ווערט וויא נארישר ווערט ער · פאר לירט זיין קראפט זיין שכל דס מאכט
וייל ער זיין נשמה האט ניט גברוכט אונ איז לוטר מעשה בהמה נאך
גגאנגן עסין אונ טרינקין תאות רעות אונ קיין תורה ומצות נאך גיגאנגן·
דרום האבן אונזרי חכמים גזאגט איין עם הארץ טאר קיין פלייש ניט עסין
דיא תורה האט מתיר גוועזן דעם מענטש ער זאל זיך איין בהמה שעכטן
אונ זאל זיא עסין ווייל ער מער מעלה האט אלס דיא בהמה דען ער האט
איין נשמה דער דורך האט ער שכל אונ קאן רעדן ממילא בקומט דיא
נשמה כח פון דעם פלייש פון דער בהמה דען עס איז צוא דר בהמה איין
גרוסי מעלה · אבר ווען דער מענטש לייגט ניט זיין שכל אריין אין דער
תורה אונ ער לערינט קיין תורה ער טוט קיין מצות ער טוט מיט דר בהמה
גלייך דיא בהמה עסט אונ טרינקט אזו וואול אלס דר מענטש ממילא איז
אזו איין מענטש איז ניט בעסר אלס דיא בהמה דען האט דיא בהמה איין
גוטי טענה צוא אים דוא ווילסט מיך עסין דוא ביסט ניט בעסר פון מיר·
קאנסט זעהן אלי תענוגים עסין אונ טרינקן אונ דער גלייכין ווערט דער
מענטש באלד זאט ווען ער זאט איז קאן ער ניט ווייטר אבר איין גשמאק
אונ גוטין גרוך קאן דער מענטש איביג שמעקין צוא בשמים אונ ווערט
ניט זאט · דאס מאכט ווייל דיא נשמה האט הנאה פון גוטין ריח . דרום
ווען איין מענטש איין חלשות ליגט איז אים צוא דער מינטערין מיט גוטין
גירוך דיא נשמה צוא דער האלטין דער פון האט זיא הנאה דרום ווערט
מען גוטי גירוך ניט זאט דער מענטש קאן שטענדיג ריכן דראן איז צוא
זעהן וויא דער תענוג פון דער נשמה איביגליך . דיא תורה האט פאר
באטן אלס וואס ניחוש איז זאלן ישראל ניט בריכן רק תמים תהיה עם ה' אלהיך
האב איך זעלכם גשריבן צוא ווייזן דער מענטש וויא ער אין אלי זייני
זאכין קאן פעולות טובות טאן אונ אויף אלים וואס דער מענטש טוט האט
הש"י השגחה דרויף . נון דוא מענטש ווארום זאלסטו זארגן אויף איין עולם
וואס ניט דיין איז אונ טראכסט ניט דאס אלי דינגע ווערק השגחה פרטיות
איז פון גאט ווען ער דיר וואס צוא שיקט איז גווים ניט אום זונסט נון
ווארום זאל מען דער איבר מצער זיין אויך זאלסטו וויסין דאס פיל אן דעם
מזל איז גילעגין ווען גלייך גרוסי צדיקים דיא קענן דאס מזל משנה זיין ·
אין דער גמרא שטייט קינדר אונ לעבן אונ פרנסה דאס ווענט זיך ניט אלי

זון די פרומקייט נייארט אן דעם מזל דען רבא ורב חסדא זענין ביידי גרוסי צדיקים גיוועזין רב חסדא האט תפלה גטאן איז רעגין גקומען אונ רבה האט תפלה גטאן איז אויך רעגין גקומען רב חסדא הט גילעבט ניינציג יאר רבה האט גלעבט נאר פערציג יאר · ביי רב חסדא זענין גיוועזן זעכציג חתנות ביי רבה זענין גוועזן זעכציג מתים · ביי רב חסדא איז גנוג זעטיל מעל גוועזין אפילו די הינט האבן ניט אנדרש געגעסין אזו פיל איז גוועזין אונ רבה זיין הויז האט מען גערין גערשטן מעל גיהאט די לייט עסין צו געבין אונ האבין עס ניט קענין האבן · עס איז ניט כפשוטה אלס איינער זוכה די וועלט אונ יענע וועלט צו האבן · ווען עס איינם רשע וואול גייט זייא דיך ניט מקנא אן אים ווען ער איין ווייניג וואול לוסט האט באלד שטארבט ער אונ לעוה"ב איז פאר לארין אלי די וואול לוסט וואס ער פאר ניהאט האט איז אלס פאר געסין דען עס איז אים אצונד ווייא אונ אך ווען דער יום המיתה ווערט קומען וויא איז די זעלביגי שעה וואס זענען זייני וואול טאג די ער האט גהאט אונ האט גאט ניט גדינט אונ דער צו מוז ער איין ביטערי מיתה ליידין אונ עונשים לעולם הבא דער צו· אבר דער צדיק ווען ער אויף דער וועלט יסורים ליידין מוז אויף יענר וועלט איז אים וואול צום ערשטין ביטר צום לעצט זיס אונ האט איין גרינגן טוט כבוד · שכינה קומט צו אים קודם מיתה אונ איידר ער שטארבט ווייזט מען אים זיין גרוסן שכר וואס ער בקומט אויף יענר וועלט :

מעשה רבי אליעזר בן פדת האט איין גרוסן דלות גיהאט אמאל האט ער זיך אדר גלאזט אונ האט ניט גהאט צו עסין אזו האט ער געגעסן שיילעכין פון קנאביל דער נאך האט אים דאס הארץ וויא גיטאן איז אים חלשות אן גקומען אונ איז אנטשלאפין גווארין זענין די תלמידי חכמים גיגאנגין צו אים צו זעהן וואס ער מאכט האבין זייא גזעהן דער האט גוויינט אונ גילאכט אונ פונקין פייער זענין אים אויס דער נאז גגאנגן · וויא ער איז אויף גוואכט האבן די תלמידי חכמים אים גיפרעגט ווארום ער האט גלאכט אונ גוויינט אונ פינקין פייאר זענין אים אוס דער נאז גקומען · האט ער גענפרט איך האב גזעהן די שכינה האב איך גוויינט אונ גבעטין וויא לאנג וועל איך נאך אזו גניסין אונ זאלכן ביטרן דלות ליידן האט מיר הש"י געענפרט מיין קינד איז דיר ליב אז די וועלט זאל חרוב ווערין אונ ווידר בשאפן אפשר ווערסטו אין איין גוט מזל גבארין ווערין אלס דוא דיין פרנסה בריוח ווערסט האבין האב איך גזאגט צו השם יתברך אזו פיל טרחות דרוף צו ווענדן אונ צו דעם זאל נאך איין ספק זיין אוב איך ווער אין איין גוטן מזל גיבארין ווערין האט הש"י צו מיר גזאגט פאר דעם ווארט דאס דוא גזאגט האסט דוא ווילסט ניט זאלסטו האבן לעולם הבא גרוסין שכר · נון ווארום זאל מען זיך מצער זיין ווען מען זעהט זאלכי תלמידי חכמים האבן איר מזל ניט קענן ענדרן

עס

עס איז פיל אן מזל גלעגן · אמרו חכמים וואס דאגה איז איז קיין שכל דער ביא אונ גרוסי וואונדר אלט זיך דער מענטש זאל זעלבסט טררות מאכן אונ דער שרעקין ווען אים צרות צוא קומן אין אלי זייני צרות גהערט ער זיך צוא טרייסטן אונ גדענקן דאס קיינר איז אויף דעם עולם ווער דא ניט האט צרות דער לעבט אפילו אלי דיא אבות אברהם אבינו האט פר לאזי פאטער אונ איז נע ונד גוועזין אין עולם אונ דער צוא אום גישטאנדן עשר נסיונות מיט צעהן ארלייא וואס אים השם יתברך גיפרובט האט אונ איז בשטאנן · יצחק אבינו האט אום גשטאנדין צרות ויא מען זיין ווייב רבקה האט אוועק גנומן אונ דיא ברינגן האבן אוועק גנומן אונ דעם צער וואס ער האט גיהאט וועגין יוסף · דען יצחק האט וואול גיוואוסט דאס דיא שבטים האבן יוסף פאר קופט אונ האט עס יעקב ניט דארפין זאגין דער וויל דיא שבטים האבן איין חרם גמאכט עס זאל דאס קיינר מגלה זיין אונ ער איז אויף זיינר עלטר בלינד גיווארין · יעקב אבינו האט מוזן אנטלופין וועגן זיין ברודר עשו אונ האט פיל צרות אום גישטאנין ביא לבן הארמי וויא ער זיינע שאף גהיט האט אונ האט גרוסי קעלטי געליטן אונ די שרעקין וואס ער האט גיהאט וויא עשו איז אים גקומן אים אום צוא ברענגן · אונ דער נאך האט ער גוואלט בשלוה זיצין האט איר דער שטן מקטרג גוועזן עס איז ניט גנוגין צוא דיא צדיקים דאס זייא עולם הבא האבין ווילין זייא נאך דיא וועלט דער צוא האבן אונ איז אים תיכף דיא צרה מיט יוסף צוא גקומן אונ האט שטארק גיטרוארט אונ דער דורך האט זיך די שכינה פון אים אפ גיטאן דען דיא שכינה איז ניט שורה אויף דעם וואס טרוארט אונ וואסערי צרות האט ער אום גשטאנין מיט דינה האט גרוסי מלחמות אום גישטאנען וועגן דיא זייני זין דיא שטאט שכם פאר וויסט האבין אונ הנסט אנדרי צרות כל ימיו ביז ער הונדערט אונ דרייסיג יאר איז אלט גווארין וויא ער איז פאר פרעה גישטאנן האט ער גזאגט ער איז הונדרט אונ דרייסיג יאר אלט אבר בייזע יארין האט ער גיהאט לוטער צרות · וואס האט אום גשטאנן משה רבינו ער האט מוזין אנטלופן וועגין פרעה דער האט אים וועלין אום ברענגן אונ איז לאנג תפוס גוועזין ביי יתרו :

מעשה איין איש חשוב אין בבל דער האט זיינעם זון חתונה גימאכט אונ האט איין גרוסי סעודה גימאכט צוא דיא תלמידי חכמים אזו האט ער דעם חתן גהייסן אויף דעם בודים גיין אונ זאל פון גוטין וויין דער לאנגן אזו איז דער חתן אויף דעם בודים גגאנגן האט אים איין שלאנג גביסין אונ איז גשטארבין · נון דעם פאטר איז דיא צייט צוא לאנג גוועזין אונ איז גגאנגן צוא זעהן וואס דער זון בלייבט אלס האט ער אים גיפונדן טוט ליגן אבר ער האט שטיל גשוויגן ביז דיא תלמידי חכמים האבן אפ גגעסין אונ גיטרונקן אונ האבן זיך לוסטיג גימאכט · נון וויא עס איז גקומן צום בענטשן האט ער צוא דיא תלמידי חכמים גזאגט מיינט ניט איר

זאלט שבע ברכות בענטשין נייארט ברכות אבלים זאלט איר בענטשין מיינט ניט איר זענט גקומן מיין זון אונטר דער חופה צוא פירן נייארט אוף קברות אים ארוס צוא טראגין . אונ ווען מען פרובין ווערין ווערט זיך ניט איינר פון אלי דיא גדולי עולם גפינדן ווער ניט צרות אוס גשטאנן . דיא חכמים זאגן וועלכר מענטש וואס האט דרייסיג טאג קיין יסורים דר האט יענע וועלט בצאלט בקומן אוף דער וועלט . ר' יוחנן הט צעהן זון גהאט אונ זענין אים אלי נאך אנאנדר גשטארבין אונ האט קיין זון מער גהאט אונ זענן גוועזין יסורים של אהבה וויא איך שון אובן גמעלט האב אלס זאלכע יסורים זענן לכפרת עון . דא קאן מען זעהן וואס פאר איין הויכע נשמה האט רבי יוחנן גהאט דאס ער זיין הארץ גישטערקט האט פאר ליב אן צוא נעמין אונ האט אנדרי לייט דער מיט גיטרייסט זייא זאלן זיך ניט מצער זיין ווען זייא איין צרה קומט . וויא מען גיפינד רבי אליעזר איז קראנק גיוועזין איז רבי יוחנן צוא אים גגאנגן מבקר חולה זיין אונ רבי אליעזר איז גילעגן אין איין פינסטר חדר אזו האט ר' יוחנן זיין ארום אוף גדעקט איז דאס גאנץ חדר פיל לעכט גווארין דען רבי יוחנן איז איין שיינר מענטש גוועזין זיין גשטאלט האט זייער גלייכט אזו האט ר' יוחנן גיזעהן דאס רבי אליעזר האט אן גיפאנגין צוא וויינין האט ער צוא אים גזאגט ווארום וויינסטו ווייל דוא האסט ניט אזו פיל תורה גילערינט עס שטייט גשריבן עס זייא דער דא פיל לערנין קאן אודר דער ווייניג לערנין קאן זענין ביידי גלייך ווען ער לערינט נאך זיינעם פאר שטאנד אונ זיין כוונה איז לשם שמים . וויינסטו ווייל דוא האסט ניט קיין ק נדר . זעה דאס ביינדיל איז פון צעהנטן זון גהערסטו דיך אוך ניט דריבר מצער זיין עס זענין יסורים של אהבה לכפרות עון . וויינסטו דער ווייל דוא ווייניג פרנסה האסט אונ עס גייט דיר ניט גוט אוף דער וועלט . עס איז ניט איטליכר זוכה צוא צוויא טישין דאס מיינט מען אוף דיזער וועלט אלס גוטס צוא האבין אונ יענע וועלט דער צוא . אוך גפינד מען אין דער גמרא וויא רבי אליעזר איז קראנק גווארין זענין זייני תלמידים צוא אים גגאנגן מבקר חולה זיין האבין אלי אן גיפאנגן צו וויינן אונ רבי עקיבא האט אן גיפאנגן צוא לאכן האבן זייא גזאגט רבי עקיבא ווארום לאכסטו האט ער זייא גפרעגט ווארום וויינט איר האבן זייא גזאגט וויא זאלין מיר ניט וויינין מיר זעהן דיא ספר תורה איז אין צער דאס האבין זייא גמיינט דעם רבי האבין זייא עס גגליכן צוא איין ספר תורה ווארום זאלין מיר ניט וויינן האט רבי עקיבא אן גיפאנגן דרום טוא איך לאכין דען דר ווייל האב איך גזעהן דעם רבי זיין ויין ווערט ניט זויער זיין פלאקס ווערט ניט גשלאגן זיין אייל ניט פאר דארבן זיין האניק טוט ניט שטינקין דר רבי הט קיין צרות ניט האב איך גוויינט טאמיר בקומט דער רבי זיין לון בצאלט אוף דר וועלט אבר דאס איך זעה דעם רבי אין צער בין איך מיך משמח דען ווערט זיין

לין לעולם הבא גרעסר זיין האט ר' אליעזר גזאגט עקיבא איז דען עטוואס פאר האנדן אין כל התורה וואס איך האב ניט מקיים געוועזן וואס דרוף זאל איך יסורים ליידן. האט ר' עקיבא געענטפרט דער רבי האט אונז אזו געלערינט עס איז קיין צדיק אין דער וועלט וועלכר ניט גזינדיגט. די עשרה הרוגי אמונה וואס יסורים האבן זייא אום גשטאנין אונ האבן אלס באהבה מקבל געוועזן אונ זענן זעלבע צדיקים געוועזן אונ רבי עקיבא דען האט מען זיין פלייש פון זיין לייב אפ גריסן מיט אייזערני קעם אזו האט ער קריאת שמע גליינט אונ האט אזו לאנג גצוגן אין דעם ווארט אחד האבן דיא תלמידים צוא אים גזאגט רבי בייא זאלכי יסורים זענט איר אזו לאנג מאריך. האט ער צוא זייא גזאגט אלי מייני לעבם טאג האב איך מיך מצער געוועזן ווען ווערט עס צוא מיר קומן דאס איך וועל קענין מקיים זיין דעם פסוק ואהבת את יי אלהיך בכל נפשך איז טייטש ווען מען דיר דיין לעבין גליך נעמט זאלסטו דאך גאט ליב האבין אונ אצונד איז עס מיר צוא גקומן זאל איך עס ניט מקיים זיין אונ האט אזו לאנג מאריך געוועזן אין דעם ווארט אחד ביז אים דיא נשמה איז אויס גגאנגן מיט דעם ווארט אחד איז דראן צוא זעהן דיא גרויסי שטארקייט ווס ער האט גהאט גאט ליב צוא האבין מיט גאנצין הארץ. אוך שיקט הש"י דעם צדיק יסורים צוא אים לטובה זיין נשמה צוא לייטערן אונ דאס זאל אנפלעקט ווערין זייני מעשים דאס זיך אנדרי לייט זאלן אן אים איין בייא שפיל נעמן אונ זאלן פרום זיין וויא הש"י אברהם אבינו גפרובט האט צוא לאזין וויסין דעם עולם זייני ליבשאפט אונ הש"י גיבט אים דער קענין מער שכר לעולם הבא ווען פרובירט הש"י ווען ער ווייסט געוויס אלס ער בשטיין ווערט: משל איינר האט צווייא בהמות דיא איינע עסט וואולגאנץ ווערט פעט אונ דיא אנדרי בלייבט מאגער. אוף וועלכר לייגט דער בעל הבית זיין פליים אן אוף דער פעטי בהמה אן איר איז עס אן גלייגט. נאך איין משל איין טעפער דר זייני טעפ פרובט אינ ער שלאגט אוף דיא טעפ אוב זייא וועלין שטארק זיין אוף וועלכן טאפ שלאגט ער אונ פראבירט וועלכר גאנץ איז אבר דער צוא בראכין איז ווען ער וואלט דרוף שלאגין וואלט ער גאר צוא ברעכין. אזו איך הש"י פראבירט ניט דיא רשעים דען זייא האלטין קיין בשטאנד זייא ווערין גאר צוא בראכין. דרום גהער אימליכר מענטש בשמחה אן נעמן יסורים צוא טראכטין טאמיר פראבירט מיך הש"י אוב איך וועל בשטיין אונ ניט דער ווידר ברומן. איך האב שוין אובן גשריבן פון רבינו הקדוש וויא ער אוף זיך זעלברט האט מקבל געוועזן דרייצעהן יאר יסורים פון איין קלייני זאך ווייל ער האט זיך ניט דער בארמט איבר דאס קאלב וואס ער האט גשכטן. אונ ווייל רבי האט יסורים גליטן האט מען ניט מתפלל געוועזן אוף רעגין דען דיא יסורים פון דיא צדיקים איז איין כפרה צוא דעם עולם. שלמה המלך האט אוך גזאגט

טובה פון השי"ת ווען דער מענטש איז גיצאנגן אין דער נעץ פון דעם
יצר הרע אונ ער האט אלי זייני טאג אים גיפאלגט אונ זייני גדאנקן שטעץ
אוף עולם הזה אונ גייט תענוגים נאך דער יצר הרע לאז ניט צוא קומן דס
ער אין דער קדושה אריין טרעטין זעלט . אונ אלי דיא ספרי מוסר קענין
אים זיין הארץ ניט דער וועקין . מען הענגט איין חזיר איין גילדן קייטיל
אן ווערלגירט ער זיך פארט אין דיא בלאטעם ארום ווייל ער אזו גוואונט
איז . ווען דער מענטש ווייסט דאס ער שטארבין מוז דאך קאן ער זיין
נאטור ניט ברעכין . דער מהרי"ל האט בקבלה גיהאט וועלכר מענטש דער
נון איבר זיינע העלפט יאר איז גיוואונט עבירות צוא טאן דער בלייבט
אייביג אין זייגע גוואונהייט ווען ער שון הערט מוכיחים אונ ספרי מוסר
וואס תורת אמת איז וואס ער זעלבסט קאן דאך ניט לייקנן גייט אים ניט
אין זיינעם זין יראת שמים אונ וויא איזן שטאל איז ער שטארק איז זיינר
נאטער אונ דר יצר הרע רעט אים אן נאך דער צוא דאס ער זיך איין בילדן
טוט ער וועראיין צדיק אונ גייט דעם רעכטין וועג . וואס טוט השי"ת
שיקט דעם מענטשין יסורים צוא מאנכי מאל איין שטארקן פאל אוף אים
קומט דאס אים זיין ליבסטער שטארבט אודר אים צוא קומט איין גרוסן
היזק זאלכם רייט אים בייא דעם הארצין אן דעם באקענט ער דאס ער
נישט אין זיינער מאכט האט אין איין רגע קאן אים השי"ת אום שטארצין
זונסט טראכט ער איך בין גזונד ער טראכט ניט דאס ער קאן קראנק ווערן
ווען ער האט געלד בילד ער זיך איין ווער איז מיר גלייך ווער ווערט מיר
מיין געלד אוועק נעמן דאס איז מיר אלס בטוח אבר ווען אזו איין פאל
אוף אים קומט דאס דער וועקט זיין הארץ אונ הייבט זיך אן צו בדענקן
אונ טוט תשובה . דאס שטיי אין דער גמרא יאה עניות לישראל איז טייטש
דער דלות איז שיין צוא דיא יהודים . איין פשט איז ווען דער יהודי נאך
אזו פיל האט זיין אייגנעם זאל ער זיך פירין גלייך ער דעם דלות האט אונ
ניט פירן גרוסן שטאנד אונ גאוה בפרט אין מלבושים אנשים ונשים אוף
דער גאס גייאן אין גאלד אונ ! לבר זאלכם האט אלי אונזרי גזרות גמאכט
אזו שטייט אין שבט יהודה אז אלס גקומן איבר דעם גרוסן שטאנד פירין
נון ווער איז דען משגיח ויורף ווען גלייך דיא מאנן מוזין אן זעצין מוזן דיא
ווייבר אירן שמאט פארט פירן . אלי ספרי מוסר שרייבן דער פון דאך איז
דיא נאוה אזו שטארק קיינר פאלגט ניט האט מיר הרב ר' נתנאל דער
ציילט גיבענשט איז טערקייא אין דער זאך דאס מאן ווייניג ווייבס לייט
צוא זעהן בקומט אונ ווער אפרעמדין מאן בייא זיין טיש האט לאזט זיך
זיין אייגינע פרוא אוך אנדרי ווייבס לייט וואס אין הויז זענין ניט זעהן אונ
זענן מקיים כל כבודה בת מלך פנימה . גווים וועלכי אשה דיא יראת שמים ביי
זיך האט אונ איין צנועה ווערט פאלגן אבר וועלכי גאוה ברוכט איז גווים
קיין יראת שמים אונ איר פרומקייט איז צוא לוטר פאלשקייט . יעקב

אבינו האט גיניג גהאט ברוט צוא עסין אין זיינם הויז דאך האט ער דיא קינדר גשיקט נאך מצרים קארן קופן אונ צוא זייא גזאגט ווארום זאלן מיר ווייזן פאר דיא שכנים אלס מיר צוא עסין האבין זייא ווערין זיך אן אונז מקנא זיין דרום וועמין גאט האט יוא גגעבן זאל עס שונן אונ בצניעות לעבין אונ ארמי לייט אפט בסתר געבין וועט ער בוודאי רוהיג אונ לאנג לעבין נאך איין פשט איז דר דלות איז שיין צוא יהודים דען ווען ער האט נישט דען גדענקט ער אן גאט אונ איז פרום אבר ווען ער עשירות האט גמיינגליך פאר געסט ער אן גאט וויא אין פסוק שטייט ורם לבבך ושכחת את יי אלהיך משה רבינו האט ישראל גשטראפט דוא וועסט עשירות האבן וועט דיין הארץ האפרדיג ווערין אונ וועסט אן גאט פאר געסין · מרבה נכסים מרבה דאגה ווען ער עשירות בקומט לייגט ער זייני זארג אונ גדאנקין אוף נאך מער צוא זאמלן אייביג לאסט ער זיך באניגין · דאס מאכט דער וייל דיא נשמה קיין הנאה האט פון אלי דאס געלד אונ פון אלי תענוגים איר הנאה איז תורה ומצות דרום ווען דער מענטש נאך אזו פיל האט איז אלס נישט אין זייני אויגן אונ האט ניט גנוגן דען עס איז אלס דער נשמה צוא ווידר · דרום ווען דער מענטש שטארבט לייגט מען אים שערבליך אונ מען דעקט אים זייני אויגן צוא דער וייל ער גלעבט האט זענין זייני אויגן אופן גוועזין אונ איז ניט זאט גווארין אצונד האט ער גינוגן · אלכסנדר מוקדון איז גקומן פאר דעם גן עדן האט ער גרופן מען זאל אים עפים געבין האט מען אים גגעבין איין גהירין שאל וואס איין אויג דרינען גוועזין · האט ער אלי זיין זילבר אונ גאלד דער קיגין גוואוגן האט דיא גהירין שאל אלס איבר וואגין האט ער דיא חכמים גפרעגט וואס דאס באטייט האבן זייא גענפרט דס איז איין שייטול פון איינעם אוג פון איינם מענטשין דער האט ניט גנוגן גיהאט ווען ער אלי דאס גאלד אונ זילבר האט דרום איבר וועגט זיינעם אין ווייניג ערד אונ לייג אוף דער גהירין שאל ווערט זיא תיכף איבר וועגין אלזו האט ער עס גטאן אונ האט איין ווייניג ערד אוף דער שאל גלייגט איז זיא איבר וואגין גווארין · דען ווען דיא ערד צוא גדעקט האט גנוג דרום לאזט זיך דער צדיק באניגין דען ער איז מקיים תורה ומצות דער פון איז דיא נשמה זאט :

משל איין סוחר דער באנקראט איז פר קופט זיין סחורה אום דיא העלפט וואס ער קריגן קאן גנעמט ער דער מיט אלער זיין שטאט דעקין קאן אונ בארגט נאך דער צוא אום וואס ער קריגן קאן זיין בוך פירט ער אלס מיט אני חייב שטייט אלס איך בין חייב דער נאך אלס ער קיין סחורה מער האט אונ בלייבט אים נישט איבר אונ דיא בעלי חובות ווילן בצאלט האבן נעמט מען אים תפוס · מען שפייזט אים מיט וואסיר אונ ברוט בלייבט אייביג פאר פאלין אין דער תפיסה אבר ווער ער אוף תכלית טראכט דער פירט קיין הוכן שטאט ניט אונ האלט זיין סחורה אום ביז מען אים

גזאלט

וואול בצאלט דען קומט ער צו תכלית אונ האט עושר וכבוד. אזוי זענן די לייט נגליכן די תורה ומצות האלטן דאס איז דיא גאנצע סחורה לעולם הבא וועט זיא וואול בצאלט די עבירות דס זענין די חובות דער מאנט איין די חובות די מלאכי חבלה ומזיקים. דס בוך האלט איטליכר מענטש ער שרייבט זעלבסט מיט זיינר האנד וס פר עבירות ער טוט נון עולם הזה לייט דיא שטאט הויך פירן עסין אונ טרינקין טואן עבירות גייען לוטער הבלים נאך דעם בצאלט הש"י אויף דער וועלט ער בצאלט סחורה די מצות דאס זיי האבן גטאן ממילא פר קופין זיי איר סחורה אום הבלים ווי דר באנקראט סוחר דר מיט ער זיין שטאט פירן קאן תענוגי עולם הזה נאך צו גיין. נון די סחורה גנעמט איין ענד

ער האט נון בצאלט בקומן אויף דער וועלט פר סחורה. ווען ער שטארבט נעמט מען זיין בוך פאר עס שטייט דרינן אני חייב איך בין חייב דיא עבירות האב איך גטאן קומן דיא מלאכי חבלה דאס זענן דיא בעלי חובות זייא ווילן בצאלט האבין אונ נעמין אים תפוס אין גיהנם אריין ביז אייביג פאר פאלין. אבר דער צדיק דער לאזט זיך באניגן פירט קיין הויבן שטאט זייני סחורה האלט ער אום ביז זיא בצאלט ווערט לעולם הבא ווערט זיא אים וואול בצאלט ער פירט אין זיינעם הארצין איין בוך ער האט לוטר גדאנקין תורה ומצות אין זיינם הארצין ניט וויא דער רשע דער אין זיינם הארצין האט לוטער פאלשע גידאנקין וויא ער זיין שטאט פירט קאן עשירות צוא זאמלין אונ דער דורך פיל עבירות עובר איז. נון בן אדם לאז דיר ווערין ווארום זאלסטו זארגין אונ לופין אין הערגין. פון אייביגע פרנסה וועגין. אונ דיא גידאנקין ברענגן דיך אום דייני גזונד. זארג מאכן גראע האר. אויף אלי דייני זארגן. טוט דיר קיינר נישט בארגין. טווינר זארג וועגין ניט איין קווינט. זארג וועגין דייני זינד. וויא מער דאזת דוא אין דיינעם הארצן האסט וויא מער פאר געסין דוא ווערסט תורה ומצות נאך צוא גיין. פיר דיין שטאט צום קלענסטין וואס מיגליך איז דוא האסט נישט מער צוא זארגן אלס דיין נשמה צוא בווארין וויא באלד איז דיין וואול לוסט פאר ווערקילט דאס פאר איין תירוץ קאנסטו גאט פאר זאגין ווען דיא פינסטער ווערט ווערין פון וועם ווערין טוסטו אזו ארבייטן אונ טוסט דיין לעבין דריבר וועגן אונ ביסט איין רגע ניט זיכער ווער ווייס ווער זיך לוסטיג מאכן וועט מיט דעם דייניגין. טראכט וויא וואול קאנסטו דיר אין איין שעה טאן עס איז בעסיר איין שעה תשובה אונ מעשים טובים אויף דער וועלט מכל חיי עולם הבא. אויף יענר וועלט קאן מען קיין מצות טאן מען טו זיך צידה לדרך מיט נעמין שוב יום אחד לפני מיתתך ונמצא כל ימיו בתשובה האב זעלבסט רחמנות איבר דיר אם אין אני לי מי לי ווען איך זעלבסט אום טראכטן וואורן ווער וועט פאר מיר טראכטן. שטארק דיך דען הארטין שטיין פון הארצין צוא ריזין גאט וועט דיר

העלפן

העלפן הבא לטהר מסייעין לו טוא אפ דיא רעק פון דייני אויגן לאזין דייני אויגן לייכטין אין מצות יי ברא מאירת עינים ווען איין שטיין אום דעם ווארציל זיס גרסן איז אונ ליגט אויף איין בארג קאן אים איינר אליין ארונטר וועלגערין דער יצר הרע הייסט איין בארג איין שטיין · אבר גרוסי קראפט מוז זיין דעם שטיין פון גרונד אוס צו רייסן דרום ביי צייט ווייל דוא האסט נאך כח טוא תשובה ווייל דאס אייזן איז ווארום איז עס גוט צוא שמידן איין רגע אפ צוא לייגן האסטו ניט צייט :

משל איין פוקס האט געזעהן איין שיינעם גארטין דריינען ווענין דיא שיינסטי פירות געוועזין ער האט גערין פון דיא פירות געגעסין אונ האט ניט געקענט אריין אזו איז ער ארום געלאפין אונ האט געפונדן איין קליין לאך האט ער אבר פארט ניט געקענט אריין · אזו האט ער זיך איין פאר טאג אום געהונגערט דאס ער איז דין געווארן אונ האט זיך אריין גידרינגן אונ זיך זאט געגעסין אלי תענוגים אן געטאן נון דער הערבסט איז פאר ביא דערנקט זיך דער פוקס מען וועט מיך טוט שלאגן איך מוז מיך ביא צייטן אום דעם גארטין מאכן · נון האט ער ווידר געוואלין דורך דעם לאך ארוס האט ער ניט געקענט דען ער איז אזו פעט געווארן פון פיל פרעסן אונ וואול לוסט וואס ער האט געהאט דאך האט ער גידאכט עס גייט אום אין לעבין אונ האט זיך אום גהונגערט וויא וואול אלס אים שווערער אן געקומן אלס פריער דען ער איז נון צוא פיל תענוגים גיוואונט געוועזין דאך האט ער זיך מוזין אום הונגערן זיין לעבן צוא דער האלטין ביז ער דורך דעם לאך האט ווידר געקענט ארוס · אזו אויך דער מענטש אויף דער וועלט זעהט ער דעם שיינן בוים גארטין דאס עס זענין תענוגי עולם הזה איז איין שיינער הבל אונ ער וואלט גערין אויך אין דעם גארטין זיין זיך תענוגים אן צוא טאן הייבט ער אן צוא טאן משא ומתן טוט גרוסע רייזן איבר ימים אונ געגעבט זיין לעבין נון ער קומט אין דעם גארטין ער בקומט געלד הייבט ער אן זיך תענוגים אן צוא טאן לאזט זיך גישט אפ גיין לאזט גישט פון עולם הזה פעהלן דר דורך האט ער אן גאט פאר געסן · אמאל בדענקט ער זיך איך בין ניט איין רגע זיכער טאמי שטארב איך אין וועל עולם הבא פאר לירן · וויא קום איך אום דעם גארטין מוז ער אן פאנגן זיך אום צוא הונגרן אונ מוז תשובה טאן תענית ובכיות וצדקות וואס אים שווער צאלט · ווען ער דער נאך שטארבט אונ קומט אויף זיין ערשטין ארט וואס דיא נשמה אהער קומן איז בדענקט ער אזו פיל מיט אלס פריער מוז נאך עונשים קשים אום שטיין ווען ער ניט רעכט תשובה טוט · דרום בדענקט אייך ביא צייטן נעמט אייך דעם רעכטן וועג פאר · דיא גמרא זאגט וועלכים איז דער רעכטער וועג דעם זיך דער מענטש זאל אום דר וויילן וועלכער אים זעלבסט וואול געפעלט · דען עס איז איין כלל גדול אז בכלל דאס דער מענטש גיטאן האט איין עבירה האט ער זעלבסט חרטה דרויף געפעלט אים זעלבסט ניט

וואל דאס איז טייטש דער פסוק רבים מכאובים לרשע והבוטח בה׳ חסד יסובבנהו ערשטליך האט דער רשע גרוסי וויא טאג ער איבר זייני עבירות ער דארף ניט פרייא טאן ער ווערט מבויש דער בייא און האט דער נאך חרטה דרום און איז לומד פחד ער דער שרעקט זיך ווען אים איין צרה צו קומט האט ער מורא עס קומט אים נאך איין צרה צוא און ווערט קראנק פון די פיל דאגות · אבר דער צדיק האט זיין בטחון אוף גאט ער האט קיין ווי א טאג ער פאר לאנגט נישט ער איז מיט אלים צוא פרידן וואס גאט אים צו געשיקט ער בדארף זיך זייני גערקין ניט צוא שעמן ווי דער רשע · דאס איז גווים ווען דער רשע זאל גיין צוא איין רעכטין למדן און איין חסיד אזו גייט ער אין לוטער צער ער דער מאנט זיך אן זייני עבירות ווען ער זיך גלייך בשמחה פאר שטעלט דער מאנט ער זיך פארט און גרעדנקט דאס איז אזו איין גומר צדיק און איך בין אזו איין גרוסר חוטא מכל שכן ווען ער זאל קומן פאר זאלכי לייט וויא ר׳ יצחק לוריא ע״ה דער האט אימליכם אן זיינר צורה דר קענט וואס ער האט פאר איין עבירה עובר גיוועזין · נון וויא זאל ניט דעם מענטשן איין מורא אן גיין ברענקן זיך מיט וואס פאר איין פנים קום איך פאר השי״ת מכף רגל ועד ראש איז ניט גאנץ בייא מיר לוטר מכות האב איך אן מיר · דרום בן אדם וואס זארגסטו אום ענייני עולם הזה און זארגסט ניט דייני מכות אום צו היילין האב חרטה בתם לב און ניט אחד בפה ואחד בלב ווערסטו פאסטין סליחות זאגין און אשמנו שלאגין און בתם לב חרטה ; דאס איז אזו גלייך ווען איינר אוף איין מכה איין פלאסטר ליגט עס היילט לפי שעה אבר עס ברעכט ווידר אוף. וואס פאר איין רעכטי מכה איז מוז מען פון אינע ווייניג היילין · די תאוה פון דעם יצר הרע מוז מען פון גרונד אום דעם הארץ רייסין ווען עס דיר גלייך שווער אן קומט ווערט עס דיר זיס ווערין · משה רבינו דא ער די וואסר האט זיס גמאכט האט ער האלץ אריין גווארפין דאס זעלביגי איז ביטר גוועזין דעסט וועגין צוא ווייזין דאס ביטערי מאכט זיס · אלס וואס עולם הבא גייט אן איז אלס דעם מענטשין ביטר דרום זארג ניט ווען דיך גאט שטראפט ווען עס גלייך ביטר איז נאך דיין מיינונג איז עס אבר איין כפרות עון דרום ווען דיר השי״ת ח״ו איין צרה צוא שיקט גהערסטו פשיטא תשובה צוא טאן גאט שטראפט ניט אום זונסט און וויא מער פיינר בריה ער איז וויא מער איז השי״ת מדקדק מיט אים און ווען אוף דעם מענטש יסורים קומן און ער מיינט ער האט נישט חוטא גוועזין לאז ער רעכט מדקדק זיין און רעכט נאך זוכין ווערט ער חטאים גניג גיפינן וויא דער נביא האט גזאגט נחפשה דרכינו ונחקורה מיר ועלין זוכין אונזר וועג:

משל איין שטעקין דער איז קרום און מען וויל אים גלייך בייגין אזו מוז מען אים אוף דער אנדרר זייט קרום בייגן דען ווערט ער גלייך אזו אוך דער בעל תשובה מוז זיך איין גדר מאכן וואס מיגליך איז דען עס

יענין

זענין לייט פאר האנדין דיא ריידין צוא אים דער זעהט אויך ניט אויף
ווייבר ער איז אויך איין חסיד גוואָרין . אוי להם ונשמתם אלכי בושה דאס
איז דיא גרעסטי תשובה אונ האט איין שכר גדול עס איז איין כלל גדול
ביא איין מצוה אדר .שובה מוז מען ניט פרעגין נאך דיא שפעטירס :
משל איין שטאט איז גוועזין אין אינדיען זייא האבין קיינעם דר איין מושל

איז נייארט איר מנהג איז גיוועזין ווען זייא ניטיג האבין גהאט איין
מושל אזו האבין זייא אום גשיקט רייטערס דיא האבין גרייזט ביז זייא
האבין אן גיטראפין איין בעטלר דער גאר צוא ריסין איז גגאנגין אונ האט
ניט איין שוה פרוטה זיין אייגנעם גיהאט אזו האבין זייא דעם זעלביגין
בעטליר איין שלאף גיטראנק איין גגעבין אונ האבין אים אין שלאף גנומין
אונ זענין מיט אים אין איר מדינה גריטין אונ האבין אים אפ גוואשין אונ
גשמירט מיט גוטין גשמאקין אייל אונ בשמים אונ האבין אים אין שטאט
אריין גבראכט אונ האבין אים אין איין בעט אריין גלייגט וויא עס גבערט
צוא איין מושל דארינן האט ער גשלאפן ואלבם האט גווערט דריא טאג
אונ ער האט פון אלים ניכט גוואוסט וויא אים גשעהן איז דער וויל הט
מען זיינע וואכין גישטעלט אין אלי מוערין אונ טירן אונ כל עבדים
ומשרתים האבין אויף גפאסט אים אויף צוא ווארטין ווען ער אויף וואכין
וועט . נון וויא ער איז אויף גוואכט גוואָרין זענין צוא אים גיקומין זייני
עבדים ומשרתים אונ האבין אים גפרעגט וואס ער פאר לאנגט . וויא ער
זעלבסט זעהט אזו איז אים איין גרוס וואונדר אונ גדענקט זיך וואס איז
דאס וויא קום איך אין דעם בעט אריין בין איך איין האר פון איין שטאט
איך בין דאך איין בעטליר גוועזין אונ האב דיא וועלט ארום גשפארט
אונ איז אים איין וואונדר גוועזין אזו איז ער זיך מישב דאס איז ניט
אנדרשט איך בין איין הער איידר איך בין דאך איין בעטליר גוועזין דאס
זעלביג איז איין חלום גוועזין עס האט מיך אזו גחלומט אונ בלייבט אזו
איין גרוסר הער . נון אלי דרייא יאר איז דער מנהג גוועזין אין דער שטאט
האבין זייא איין אנדרין הער גנומן אונ דעם ערשטן האבן זייא אים ווידער
איין שלאף טראנק איין גיגעבן אונ האבין אים ווידר זיין בעטיל קליידר אן
גיטאן אונ האבין אים ווידר גשטעלט אויף דעם ערשטן פלאץ וויא זייא אום
גקומן זייני דרייא יאר זענין אום גוועזין אזו האבן זייא דעם בעטליר ווידר
איין שלאף טראנק איין גגעבין אונ האבין אים זיין בעטיל קליידר אן גטאן
אונ האבן אים ווידר גטראגן אויף זיין ערשטן פלאץ וויא זייא האבן אים
גנומן אונ זענין איר וועג גריטן אונ האבין אים אזו ליגין גלאזט . נון ער
איז אויף גוואכט אזו פאר וואונדרט ער זיך וויא בין איך גוועזין איך בין
דאך איין גרוסער הער גוועזין אונ היינט בין איך איין בעטליר אזו דענקט
ער עס איז ניט אנדרש איין בעטליר בין איך גוועזין איין בעטליר בין איך
נאך אונ דאס איך בין איין הער גוועזין דאס זעלביגי איז איין חלום גוועזין

עס

עס האט מיך אזו גיטרוימט . אמאל האבין זייא גיהאט גינומין איין בעטליר צוא איין מושל דר זעלביגר בעטליר איז איין גרויסער חכם געווען דער האט פאר שטאנין דאס ער איין רעכטיר הער איז גיווארין אונ דאס ער איין בעטליר איז גיוועזין דאס זעלביגי איז אמת אונ קיין חלום ער האט וואול פאר שטאנדען ער האט גיזעהן וויא אים אלי אוף ווארטין אונ האט דיא שליסל גיהאט פון אלי אוצרות אזו האט ער גישוויגין איין גאנצין יאר . נ׳ך דעם יאר האט ער איינים פון זייני קנעכט גינומין אין איין קאמיר אונ האט צוא הים דיא זאך פאר טרויארט אונ צוא אים גיזאגט דוא מוזט מיר שווערין דאס דוא זאלסט מיר דעם אמת זאגין אזו איז דיא זאך איך בין איין מושל אונ איין בעטליר בין איך גיוועזין זעלט איך מיר גידענקן זאלכס איז איין חלום גיוועזין דאס קאן ניט זיין דען וויא איך בין איין בעטליר גיוועזין אזו בין איך אונ איין גרויב גיפאלין אונ האב מיר ווינדען גשלאגין אונ דיא זעלביגי מכות זענין מיר אום גהיילט גיווארין אבר דיא צייכין פון דיא וואונדין שטייען נאך אין מיין לייב ממילא איז עס קיין טרום געוועזין דרום זאג מיר דעם אמת וויא עס מיט מיר שטייט אונ וויא עס וועט מיט מיר דער גיין ווערסטו מיר דעם אמת זאגין וועל איך דיך צוא איינעם גרויסין הער מאכין אונ וועל דיר פיל געלד געבין דאס קיין שאץ זאל האבין ווערסטו מיר אבר ניט דעם אמת זאגין ברענג איך דיך אום דיין לעבין . נון דער קנעכט האט גיזעהן עס קאן גאר ניט אנדערש זיין אזו האט ער אים דעם אמת גיזאגט וויא עס מיט אים דער גאנגין וויא איר סדר איז אונ אז דיא דריא יאר וועלין פאר בייא גיין וועלין זייא אייך ווידר איין שלאף טראנק איין געבין אונ וועלין אייך ווידר ברענגן אויף דעם פלאץ וויא זייא אייך גנומין האבין אין דא אריין קענט איר וויסן דאס איך וואר האב דען אדוני האט דעם שליסל פון אלי אוצרות גאר פון איין חדר האט איר דעם שליסל ניט וואס אין דעם זעלביגין חדר האבין זייא ליגין אייערי בעטיל קליידר ער איז דער שראקין אבר ער האט שטיל גישוויגין אין דעם קנעכט זייני דער צייט ווערט קומין דאס איר זייא אויך ווידר אן טוהן , נון דער מושל רייד וואול אין אכט גנומין אונ גיווארט אז דר אמת איז אזו האט ער פיל אוצרות אום גלערט אונ האט זיך אנדערש וויא גיקויפט גרויסי גיטר אונ האט זיך גרויסע אוצרות גיזאמלט אונ פיל קנעכט גיקויפט אונ האט זייני קנעכט בשמעלט אז זייא זאלן ווארטן מיט קארמעס דעם אונ דעם טאג דאס פעלד אויף דעם פלאץ וויא ער פאר אן גלעגין איז אונ דיא שטאט לייט האבין פון דעם ניט גיוואוסט נון דיא דרייא יאר זענן אום געוועזין אזו האבין זייא אים ווידר איין שלאף טראנק איין גיגעבין אונ האבין אים זיין בעטיל קליידר אן גיטאן אונ האבן אים גיבראכט אויף זיין שטעל וויא זייא האבין אים גינומין . נון וויא ער איז אויף גיוואכט גיווארן דא זענן זייני קנעכט גישטאנין מיט וועגין וויא ער האט בפולין אונ האבן אים אין זיינע גיטר גיבראכט אזו איז אויך

דעם מענטש ווען ער ווערט בשאפן נעמט ער זיך ניט צום הארצן אז דיא
נשמה איז גקומען פון יענער וועלט אונ ער איז איין בעטליר גוועזן ער איז
נאקיט גבארן ער איז איין האר איבר אלי בשעפניש אונ אלי האט תענוגי
עולם הזה פאר זיך אזו דענקט ער איך בין אזו גקומען פון יענעם עולם דאס
זעלביגע איז איין חָלוּם גוועזן איך בין איין הער אונ ווער איין הער בלייבן
אונ גייט אלי זייני וואול לוסט נאך דיא וועלט אין תענוגים צוא פאר
ברענגן אונ גדענקט ניט אין תורה ומצות . נון זיינע צייט איז אוס ער
בלייבט קיין הער מער מען גיבט אים איין שלאף טראנק איין דם זעלביגע
איז דער טוט מען לייגט אים אויף זיינעם ערשטין פלאץ ער איז גקומען פון
דער ערד אונ מען לייגט אים ווידער אין דער ערד דען טראכט ער דאס
ער איין האר גוועזן אויף דער וועלט דאס זעלביגי איז איין חלום גוועזן
אבער ער בלייבט איין בעטליר ער מוז נע ונד זיין אונ קומט אין גיהנם .
דער צוא אבר וועלכיר איין חכם איז דער טראכט דאס איז קיין חלום
ניט איך בין פון ערד בשאפין גווארן אונ בין נאקיט גיבארן דאס איז אמת
צוא וואר ציי׳בן האב איין צייכן דיא נשמה אין דעם גוף וויא איך בין
גוועזן אין מוטרס לייב אונ ער נעמט זיין גיטרייאן קנעכט דאס איז דער
יצר טוב ער זאגט אים דעם אמת אונ זאגט אים צוא וואר צייכן אלי שריסל
פון דיא אוצרות האט מען דיר גיגעבין נייארט אין שריסל דאס זעלביגי
איז דיא נשמה דאס איז דיין קליידר וואס דוא פריער גהאט האסט אונ
טראכט וויל איך אויך איין הער בלייבן איך וויל מיר אוצרות מאכין אונ
איז מקיים תורה ומצות אונ טוט גרוסי צדקות דער מיט קופט ער זיך
עולם הבא נון ווען ער שטארבט קומען אים זייני קנעכט אונ ברענגן אים
אין זיינע גיטער דאס מיינט מען דיא מלאכים דיא פירן אים אין דעם גן
עדן איז זוכה לעולם הבא אונ אין אמת איז דער רשע גלייך וויא ער איינר
אין חלום ליגט דעם טרומט ער טוט עבירות אונ שעמט זיך ניט אזו אויך
דער רשע מוט עבירות שעמט זיך ניט פאר גאט וואס זעהט אלי פאר
בארגניש עס איז ניט גוט ווען זאלכם טרומט דען איין צדיק דעם טרומט
זאלכם ניט אבר דעם רשע דעם טרומט אין שלאף איז ער זיך מצער וייל
עס לייט גזעהן האבן אונ ווען ער אויף וואכט זעהט ער אלס דאס איין חלום
איז גוועזן איז זיך ער משמח דאס לייט ניט וויסין פון דער עבירה וואס
ער אין שלאף גטאן האט דען ער האט מער מורא פאר לייטין אלס פאר
הש״י דאס קומט אין שלאף צוא פון דיא בייזי גדאנקין וואס ער בייא טאג
טראכט אונ דיא מחשבה א ו מטמא ער נעמט זיא ניט צום הארצין דאס
גאט דער ווייסט אלי גידאנקען פון מענטשין דרום מוז זיך דער מענטש
דאגות עולם הזה אוס דען זין שלאגן אונ ניט איבריג זארגן נייארט ער
זאל זיך אין זיין זין איין פסטן תורה ומצות צוא ידענקין אונ אין אלי זאכן
כוונה האבן לשם שמים . עס שטייט אין דער גמרא עס איז איין קליינ׳

פרשה וואס די א גאנצי תורה דראן הענגט דאס איז דער פסוק בכל דרכיך דעהו דאס איז טייטש אין אלי דייני וועגין זאלסטו גאט דער קענין אונ אפילו פון וייב אונ קינדרס וועגין דיין נשמה ניט פאר קופין על כל פנים וייל דער מענטש האט צוא לעבין וואס גאט אים האט געגעבן זאל ער זיין הוז גרינג שטעלין אונ זאל קיין גרוסי שטאט פירין ער זאל גאט דינין אונ ווייניג משא ומתן דער בייא טרייבן זאל זיך מיגיע כפו באמונה ערנערין אונ זאל זיינר נשמה וואול טואן דער מענטש האט ווייניג צייט :

מעשה באנדריינוס קיסר האט אן גיטראפין איין אלטן מאן דער האט איין פייגין בוים גיפלאנצט אזו האט ער אים גפרעגט דוא ביסט נון אזו אלט ווארום פלאנצטו דעם בוים דוא וועסט ניט דער פון עסין אזו האט דער זקן געענטפערט ארוני קיסר וועט מיך גאט לאזן לעבן איז גוט וועון ניט בלייבט עס מייני קינדר . נאך דרייא יאר האט אנדריאנס קיסר דעם זקן גזעהן שטיין ווידר אן דעם בוים איז דער זקן גגאנגן אונ האט איין קארב פול פייגן גנומן אונ האט דעם קיסר דר מיט מכבד געוועזין אונ האט צוא אים גזאגט דאס זענן דיא פייגן פון דעם בוים דען איך האב גפלאנצט גאט האט מיך מזכה געוועזן דאס איך עס דער פון . אזו האט דער קיסר זיינע קנעכט בפולין זיא זאלן דיא פייגן פון דעם זקן נעמין אונ זאלן אים דעם קארב מיט גאלד דער קייגן אן פילן . נון דער איז אהיים גקומן אונ האט דעם קארב פול מיט גאלד גיבראכט אונ האט דער ציילט זיינר פרוא אונ קינדר וויא עס אים דער גאנגן האט . זאלכס האט גהערט זיין שכינס פרוא אזו איז זיא אהיים גקומן צוא אירעם מאן אונ האט צוא אים גזאגט וואס מוכטו אזו זיצין אנדרי לייט ברענגין גאלד אהיים אונ דוא טוסט גאר ניט דער קיסר איז איין ליב האביר פון פירות גייא אהין ברענג אים אויך איין קארב פול פירות טאמר וועט ער דיך אויך אן פילין מיט גאלד דר קייגן . נון דאס וייב האט אים קיין מנוחה גלאזן אזו האט דער מאן גנומן איין קארב פון עפיל אונ פייגן אונ האט זיך גידרונגן ביז ער איז גקומן צוא דעם קיסר אזו האט דער קיסר גפרעגט וואס ער וויל אזו האט ער גזאגט ארוני קיסר איך האב גהערט אז איר איין ליב האביר פון פירות זייט אזו וויל איך אייך מכבד זיין מיט איין קארב פירות אזו האט דער קיסר צוא אים גזאגט דוא שפעטעט האב איך ניט פירות גנוגין אונ האט זיין קנעכט בפילן זייא זאלן דעם קארב פירות פון אים נעמין אונ זאלן אים דיא פירות אין זיינים פנים ווארפן דיא קנעכט האבן אים דיא פירות אין פנים גישמיסן ביז אים זיין פנים איז גשוואלן גווארין אונ האבן אים זיינע אוגן פאר בלענט נון דיא פרוא האט אין דער היים גווארט אונ האט גימיינט ער ברענגט איין קארב פון געלד אונ האט גיהאפט ווען דער מאן וועט קומן . אוף איין מאל האט זיא גזעהן דעם מאן קומן הינקידיג אונ פאר שוואלעני מכות אוף דעם גאנצן לייב האט זיא דעם מאן גפרעגט

וויא אים איז געשעהן אזו האט ער איר אלס דר ציילט אונ צוא איר גזאגט וואלט איך דיך געפאלגט אונ וואלט דעם קארב פול מיט אתרוגים גינומען וואלטין זייא מיך גאר פאר שטיינט איך וועל ניט לעבענדיג אהיים געקומען · דאפון איז צוא זעהן איין בייזי פרוא ברענגט דעם מאן צוא אלים ביין מען געהערט וואול דער פרוא צוא פאלגין אונ זיא חשוב האלטין דען בקומט דער מאן ברכה והצלחה אונ ווערט רייך אבער זיינר נשמה ניט דר צוא ווערין · עס איז איין מאל איין חסיד געוועזין דער האט איין פרוא גיהאט אונ האט איר גט געגעבין אונ האט גנומן איין אנדרי פרויא די איז זייער נישט גוטס געוועזין אונ זיא האט גנומן איין אנדרין מאן דר איז איין גרוסר רשע געוועזין איז דער חסיד איין רשע געווארין אונ די אייגני פרוא האט איהרן מאן גיצוגן דאס ער איז איין חסיד געווארין · עס איז אלס אן איינר פרוא געלעגן · איין גרוסר האר האט גיהאט איין פרייא די איז איין גרוסי קריגרין געוועזין אמאל האט ער איר איין דעק געגעבן צוא מאכן אזו האט זיא איר פליים דראן געלייגט אונ וויל זיא האט גארבייט האט זיא ניט גקריגט · נון וויא די דעק איז פארטיג געוועזין האט זיא די דעק געבראכט צום מאן אזו האט ער אן גפאנגין צוא שרייאן וויא וויא אזו האט די פרוא גזאגט איך האב פליים גטאן אן דער דעק אין האב זיא צום שענסטען גארבייט אונ דוא שרייסט וויא דער ביא · האט דער מאן איר געענטפערט דיא ארבייט געפעלט מיר גאנץ וואול נישט מיין נייל דוא האסט גארבייט האסטו ניט גקריגט אונ האסט מיך ניט דער צערינט אצונד האסטו ווידר נישט צוא טאן פארכט איך מיך דוא ווערסט ווידר קריגן אונ מיך מרגז זיין · דרום האבן אונזרי חכמים גזאגט ווען איין אשה גלייך הונדרט דינסטין האט צוא ארבייטן מוז זיא דאך זעלבסט איין מלאכה טאן דען ליידיג גיין ברענגט צוא נארישי גדאנקין אונ עבירות אוך איין מאן דער ליידיג גייט דער טראכט אוף אלי עבירות בפרט אוף זנות הש"י האט אונז גהייסן קדושים ווען מיר צדיקים ווערין אזו וואול אלס הש"י הייסט קדוש דען ער לעבט אייביג אזו ווערין די צדיקים אייביג לעבן לעולם הבא נון ווער פאר לאנגט ניט דאס אייביג לעבין דרום שטארקט וואול דעם יצר טוב איבר דעם יצר הרע דען דער יצר הרע שטייט דעם מענטשין אום זיין לעבין צוא ברענגין מוז זיך דער מענטש לאזן דענקין ווען דער יצר הרע אים אן רעט איין עבירה צוא טאן גלייך אלס איינר שטייט איבר אים אונ וויל אים דעם קאפ אפ האקין ווען די שעה פאר ביא איז האט דער מענטש זעלבסט חרטה · דרום צווינקט אייערי תענוגי עולם הזה · אונ ווען הש"י דעם בן אדם נישט מער איין קליינם היזק צו שיקט מוז ער תשובה טאן אונ אין דעם רעכטין וועג גיין ווען דאס אייזל וויל ניט גיין שלאגט מען דען זאק ווען דאס אייזל שטוסט זיך ניט דראן קריגט ער זעלבסט גוטי מכות · אזו אוך הש"י שטראפט

אים

אים אונ ער טוט קיין תשובה ווערט ער וועלבסט אן זיין לייב גשטראפט אונ' ווער עס רעדט ח"ו השם יתברך איז ניט משגיח דער הייסט איין כופר השם יתברך איז משגיח אויף דאס מינדעסטי אונ שטראפט אויף די גרינגסטע עבירה ווען דער מענטש גלייך אום גערין טוט איין עבירה בלייבט דאך דער פלעק אן די נשמה דען דער מענטש עבירה טוט עס זייא וואבינדיג אדר אין שלאף ווערט ער גשטראפט ער האט שכל ער מוז זיך אין אכט נעמן די תורה האט דרום אן גשריבן די תוכחה אונ אלי עונשים דאס זיך דער מענטש דרויאן קערין זאל:

משל ווען מען לאזט איין בפעל אוס גיין מען זאל דאס טאן זענן פיל שלעכטי מענטשין די עס ניט טאן. אבר ווען מען בפעהלט ווער דאס ווערט ניט טאן דער זאל גישטראפט ווערין איז קיינר דער איבר טרעטין טוט דרום האט משה רבינו אכט אונ ניינציג קללות גגעבין ווער דא ווערט עובר זיין די תורה אונ זענן בעוה"ר אלי מקוים גווארן אונ דר צוא וועלכר דער דא קאן מקיים זיין איין מצוה אונ טוט זיא ניט איז ער בכלל ארור אשר לא יקים דען כל ישראל האבן מקבל גוועזין אויף דעם הר גריזים והר עיבל ווער עס איז ניט מקיים דר זאל פארפלוכט זיין אונ וועלכר עבירות טוט ווערט ער גשטראפט אויף דער וועלט אונ האט עולם הבא דער צוא פאר לארן. השי"ת שטראפט ניט אום זונסט אין יסורים בלא עון ולא מיתה בלא חטא. פקח עיניך וראה עפינט אייערי אויגן זעהט דעם הפרש צווישן איין צדיק אדר איינעם רשע אונ האלט דיך ניט אין דער איין בילדונג דוא ביסט אזו גוט אלס דער צדיק עס זענן קצת רשעים די זאגן איר מעשים זענן גרעכט אונ מיינן זייא גיאן אין רעכטין וועג:

משל איין שווארצי מאהרן האט גזאגט צוא איר פירשטן זיא איז פיל היפשער אונ שענר אונ ווייסר אלס זיא. האט די פירשטן צוא איר גזאגט אצונד איז נאכט איז פינצטר ווען עס ווערט טאג זיין וועלין מיר זעהן ווער עס איז שענר. אזו אויך דער עם הארץ וואס אלי טאג איז ער עובר עבירות ווען ער האט געלר טוט ער זיך איין בילדן ער איז בעסר אז דער צדיק עס גילט אבר ניט ביא השי"ת מען קאן גנוגין זעהן אין דר תורה וויא רשעים זענן גיאכט אויך ווערט מען לעולם הבא גוואר דאס חשיבות פון דעם צדיק איז איין מעלה וואס קיין סוף האט ניט אונ דער רשע איז אייביג פאר לארן; וויא פיל עולמות האט השי"ת מחריב גוועזין דער ווייל רשעים זענין גוועזין. אונ דער עולם שטייט פון איין צדיק וועגן איין רעכטר צדיק איז אפילו ווען דר צדיק קראנק איז טרעט אויך די שכינה פון אים ניט אוועק ניארט דער מלאך המות נעמט די נשמה פון אים אונ טוט אים וויינג צער אן:

משל איין מלך האט גהאט איין זון אמאל האט דער זון עטוואס איבר גאנגין אזו זאגט דער מלך צוא זיינעם צוכט מייסטר שטראף אים

אבער ניט שטארק אונ ווארט ביז אך ארוס גייא דען איך קאן ניט דער ביא זיין · אזו אוך דער מלך דאס איז ממ״ה הקב״ה דער צדיק איז דער זון נון דער צדיק מוז שטארבן דען עס איז קיין מענטש אויף דער וועלט דער ניט אמאל איין עבירה האט גטאן דאס ער מוז שטארבן זאגט השי״ת צוא דעם מלאך המות שטראף אים אבער ניט שטארק אונ ווארט ביז איך גייא ארוס פון אים · אונ דער צדיק זעהט דיא שכינה אז ער שטארבט · ביי דעם רשע איז דיא שכינה ניט · נאט שיקט זיין שליח דעם מלאך המות דער גייט ביא אים ארוס בעט ארוס אונ טוט אים דער שרעקן אונ נעמט איין שווערין טוט איין :

משל איין הער האט גשוקט זיין זין אין ווייטין לאנד ווען זיך דער זון וואל פאר האלט איז פארט ער זעלבסט נאך אים אונ נעמט אים אפ אבער ווען זיך דער זון ניט וואול פאר האלטין טוט דער הער איין שליח נאך אים שיקן אונ לאזט וואול אפ שטראפין אזו אוך ביא דעם רשע קומט נייארט דער שליח דער מלאך המות · אוך ווען דער צדיק זאל שטארבין בעטן אלי שרים פון דיא מזלות אז דער צדיק זאל ניט שטארבן אין זיינר שעה · ווען איינר האט תשובה גיטאן ווערין זייני עבירות ניט מער גדאכט · ביא השי״ת איז אוך איין גרוסי עבירה ווער אים זייני מעשים פאר דארבט · עס שטייט ווען איינר אין עיר מקלט איז גלאפין האט ער גמוזט דא בלייבן ביז דער כהן גדול איז גשטארבן אזו האט ער גיהאפט אונ זיין גאנצי משפחה אויף דעם כהן גדולס טוט דאס איז דעם כהן גדולס עונש דען ער האט זאל תפלה טאן דאס זעלכס זאל ניט גשען אין זיין צייטן דאס איינר דעם אנדרן אום גערין אום זיין לעבן ברענגט · עס שטייט ווער דא קאן תפלה טאן אויף זיין חבר אונ טוט עס ניט דער זעלבינר ווערט גשטראפט · יהושע איז גענעש גוואורן ווייל ער האט ניט תפלה נטאן אויף דעם יצר הרע וויא דיא אנשי כנסת הגדולה האבן תפלה גטאן מען זאל דעם יצר הרע אין איר האנד איבר ענטפרין · אזו זאט מען דעם יצר הרע אין אירע הענט גגעבן אזו האבן זייא אים וועלן גאר מבער זיין מן העולם אזו האט מען אין דרייא טאג קיין איין גקאנט בקומן אזו האבן זייא אים גילאזט לעבן · אבער זייא האבן מיט אים אוס גנומן ער זאל קיין מענטש ניט אן רייצין צוא גלוסטן זיין פריינד אלס שוועסטרן זעלכס בפינד זיך זעלטין · אוך האבן זייא דעם יצר הרע פון עבודת אלילים מבטל גיוועזן דען פאר צייטן האבן זייא שטארק עבודת אלילים גדינט וויא מען גפינט אין ערשטן בית המקדש זעלכיס האט דער יצר הרע ניט מער גימאכט דאס האבן מבטל גוועזין עזרא הסופר מיט זייני לייט די האבן גהייסן אנשי כנסת הגדולה וויא זייא האבן קיין א״י גצוגן פון בבל אין אנדרן בה״מ · אזו האט יהושע זאלן מתפלל זיין וויא ער דיא ישראל אין ארץ ישראל הט גיבראכט · עס שטייט ביא אליהו הנביא האט לאנג ניט גרעט מיט ר׳

יהושע בן לוי דער ווייל איין לייב האט אויף גגעסין איין יהודי דרייא מייל פון אים האט ער בדארפט דורך תפלה צו טאן עס זאל שון אליכם ניט געשעהן . אימליכר געהער צוא בעטין פאר דעם אנדרין דאס השי"י זאל אים מציל זיין פון יצר הרע אונ זאל מוחל עבירות זיין אונ דיא לבבות שטארקן אונ העלפין דיא וואס אנפאנגן תשובה צוא טאן דעם ערשטין אן פאנגן מוז דער בן אדם זעלבסט טאן ער מוז תשובה טאן מיט גאנצין הארצין צוא דעם העלפט אים השי"י ווען איינער הייבט אן תשובה צוא טאן אונ עס קומט קיין סיעתא דשמיא דער נאך האט דער ניט רעכט פון גרונד זיין הארץ חרטה :

משל איין מלכים קנעכט האט איין מעשה רע גיטאן אונ ער טוט בעטין דעם מלך ער זאל אים מוחל זיין אונ טוט דיא מעשים רעים דאך פארט אזו איז דער מלך נאך מער ברוגז איבר אים . אונ אזו אויך דער מענטש זאל פון גרונד חרטה האבן עס מוז קיין פאלשקייט זיין קעגין השי"י אונ מוז אלם פאר בארגין היימליך טון אפילו ווער אן זיך מעשים טובים האט אונ ער ברימט זיך דער מיט איז אלם אומזונסט גלייך ווען איינר איין גוט עסין קאכט אונ טוט שמאלין בשמים אלם גוץ אריין אונ דער נאך טוט ער עס אן ברענן . מכ"ש ווען ער הנאה האט ווען אים לייט מכבד זיין פון זיינע מעשים טובים וועגין . עס שטייט רבינו הקדוש האט מכבד געוועזין דיא עשירים דען רבינו הקדוש איז איין גרוסר תלמיד חכם געוועזין אונ איין גרוסר חסיד וויא מיר שון פון אים גימעלט האבן אונ ער האט ניט גוואלט האבן דאס איינר זאל אים מכבד זיין פון זיינר תורה אונ חסידות וועגין דרום האט רבינו הקדוש דיא עשירים מכבד געוועזין דעסט וועגין ווען אים איינר יוא אמאל מכבד איז ער אים מכבד פון זיין עשירות וועגין דען רבינו הקדוש איז אויך איין גרוסר עושר געוועזין אונ האט ניט גוואלט הנאה האבן פון זיין תורה אונ חסידות . איך וויל פאר שווייגין זעלכיר דער דא רעט פון לייטן וויא בעו"הר דער סדר עולם איז אימליכר יענם זיין חסרון פיר ווארפט אונ טוט ריידין דער פון וויא דיא פליגין דיא זיצן גערין וואס איין גרונד איז דער זעלביגר האט גווים מדות רעות גינוגין אן זיך . דען פון דאס דער מענטש גערין ריידן טוט דאס האט ער ליב טוט ער ריידן פון ווייבר האט ער זייא ליב . טוט ער ריידין פון אכילות דען איז ער איין זולל וסובא . טוט ער ריידן פון געלד האט ער עס ליב . אונ אלי זאכין וואס אן אים איז טוט ער גערין דער פון ריידן . ווען ער דיא עבירה זעלבסט האט גטאן רעט ער פון יענם גערין דר דיא עבירה האט גטאן . מען גהערט פון אימליכען גוטס ריידין . אמאל האט איינר גרעט וויא שטינקט דיא נבלה האט איין חכם אים גישטראפט אונ זאגט ווארום טוסטו אזו ריידן איר חסרון ווארום טוסטו ניט ריידן איר מעלה וויא שיינע ציין האט דיא נבלה . מען מוז אימליכן בעסיר האלטין

זויא זיך • מען האט אמאל איין חסיד גיפרעגט דורך וואס האסטו זוכה
גוועזין צוא זאלכר גדולה • האט ער געענפרט איך האב אימליכן כבוד אן
גיטאן אונ אים בעסר גהאלטין וויא מיך • האב איך גזעהן יענר איז איין
גרעסרר חכם אונ למדן פון מיר האב איך אים בעסר גהאלטין פון מיר
אונ האב מיר גדאכט ער איז פרומר וויא איך דער וייל ער איין גרעסרר
חכם אונ למדן איז וויא איך • איז ער ניט אזו איין למדן אונ איין חכם
גוועזין וויא איך האב איך מיר גדאכט ער איז בעסר פון מיר דען ער איז
איין שוגג אוף זייני עבירות ער ווייסט ניט אונ איך בין איין מזיד איך וויים
בעסר וועלכס איין עבירה איז דען איז מיין עונש גרעסר • איז ער יונגר
וויא איך האב איך גדאכט ער האט ווייניגר עבירות וויא איך • איז ער מיט
מיר צוא גלייך גוועזין האב איך מיר גידאכט איך וויים מיינע עבירות
אבר איך וויים ניט זייני עבירות • איז ער מער עושר גוועזין האב איך מיר
גדאכט ער גיבט מער צדקה וויא איך • איז ער מער ארום מאן גוועזין
האב איך פשיטא אים חשובר גיהאלטן וויא מיך דען ער קומט זיין עבירות
אוף דר וועלט אפ אונ ייני עבירות וועדט ער ניט איזו שמארק גשטראפט
דרוף דער וייל ער עס וועגן דלות טוט • דרום האב איך אימליכם מער
חשובר גהאלטן אלס מיך • עס שטייט אין דער תורה ואהבת לרעך כמוך איך
מוז אימליכן איז ליב האבן אלס מיך זעלבסט דא ארויין הענגט דיא גאנצי
תורה ווער דאס מקיים איז וואול צו אים אונ זיינר נשמה • ניט צו ריידן
פון לייטן בפרט דער מוציא שם רע וועלכס איז שקר דער האט קיין כפרות
עולמות ביז ער יענם ווידר מחילה בעט • אך דער מענטש זאל אוף זיך
מקבל זיין ער וויל זיין לעבנסטאג קיין שקר ריידן אפילו ווען ער איין
שמועה דער ציילט זאל ער זיך היטין קיין דבר שקר צוא ריידין זיין מול
ניט פאר אומרייניגן מיט שקרים וכזבים ריידין דען עס איז דאך ניט מער
אלס בילך שטייט אין דער תורה לא תשקרו ולא תכחשו • מדבר שקר תרחק • דוד
המלך האט גזאגט תשת חשך ויהי לילה בו תרמש כל חיתו יער דאס מיינט ער
דיא רשעים דיא עס וואול גייט אוף דער וועלט דיא זענין גגליכין צוא
חיות רעות תזרח השמש יאספון ווען דיא זון ווערט שיינן צוא דיא צדיקים
לעו"ה דען ווערין דיא רשעים פאר לארן ווערין אין גיהנם • יצא אדם לפעלו
ולעבודתו עדי ערב דער צדיק ווערט בקומן זיין לון צום אבינט ווען ער
גשטארבן וועט זיין • מיר האבן שון אובין גמעלט דאס חשיבות פון צדיק
ער איז מרבה תפלות אונ מעביר דיא גזרות פון השי"ת • מען גיפינט אין
דער גמרא בייא רוב תלמידי חכמים דיא האבן גרעט מיט אליהו הנביא
דיא האבין גקענט מחיה מתים זיין • לרוב איז בייא זייא רוח הקודש
גוועזין אונ האבן גוויסט וואס גשעהן איז אימליכער האט דעם רשע אן
זיין פנים גקענט אן זעהן וואס ער האט חוטא גוועזין • אלי נביאים דיא
נסים ונפלאות וואס זייא האבין גקאנט טאן אוף דיא סודות הקבלה וואס

מליכר גוויסט האט איז ניט צוא דער שרייבן דיא האבן גוויסט אלץ וואס אוף דעם הימל דער מער איז · קיין רשע איז זיין טאג צוא קיין דבר קדושה ניקומן · נון וויא זאל זיך דער מענטש אזו גראב שווער זיין אונ זאל זיך איין בילדין ער גייט אין רעכטין וועג מיר ישראל האבן גהאט אורים ותומים נביאים ביהמ"ק פייאר פון הימל האט דיא קרבנות פאר ברענט דיא שכינה האט ביא אונז גרואט אונ אלץ איז גוועזן פון צדיק וועגין דעם וויא ישראל האבן חוטא גוועזן האבן מיר אלי חורבנות גהאט · נון וויא זאל איך ניט משגיח זיין אויף דיא חשיבות פון צדיק אפילו ווען דער צדיק אין קבר ליגט איז זיין מעלה אזו גרוס דאס האט קיין שיעור וויא מיר געפונען ביא אלישע מען האט איין רשע אויף זיין קבר גווארפן איז דער רשע לעבעדיג גווארן אז ער האט גטומט פון אלישע אם מרעטין · דיא גמרא זאגט רב נחמן האט גלאזט גראבין אין זיין פעלד דאבין זייא איין מת געפונען אזו האט דאס מת דיא ארבייט לייט אן גישריגן זענען זייא גנאנגן אונ האבן עס רב נחמן גזאגט איז רב נחמן באלד גיגאנגן אהין אונ האט געפרעגט ווער ער איז האט דאס מת געענטפערט איך בין רב אחאי בר יאשיהו אזו האט רב נחמן דאס מת אן גרירט איז עס געווען גלייך וויא ניינר לעבט האט דאס מת צוא רב נחמן גזאגט וועלכר מענטש דער זיין טאג קיין קנאה שנאה גהאט דער ווערט ניט פאר פוילט האט רב נחמן גוואלט האבן דאס מת זאל מיט אים אהיים גיין אונ האט נאך מער מיט אים גרעט · עס שרייבט רב נחמן בעל השמועות דער איז איין גרוסר תלמיד חכם גוועזן עס זענין פיל לייט מעיד אויף אים וואס ער שרייבט איז אלץ אמת · איין בנין איז נישטאנין אויף דעם בארג גריזים דאס אורט וויא פאר צייטן דיא מלכים האבן איר שלעסר גהאט אונ האבן דרינן גוואונט דאס האט גהייסן ציון דאס איז נאהענט צוא ירושלים דאס זעלביגי בנין איז איין גפאלן אזו האבן צווייא ישמעאלים וועלן דיא שטיינר אוס רוימן אזו זענען זייא גקומן אן איין גרוסן שטיין אונ האבן אים אוועק גרוקט אזו האבן זייא געפונען איין הייל זענען פיל חדרים גוועזן אונ אין איטליכן חדר איז גוועזן איין טיש דרויף איז גוועזן איין גילדני רוט אונ זענין פיל קאסטן גשטאנען וואס קיין מענטש קאן וויסן וואס דרינן איז אזו האבן דיא צווייא ישמעאלים וועלן אין דיא חדרים אריין גיין אזו באלד אז זייא האבן וועלין מרעטין אין דער הייל אריין איז איין ווינט גקומן אונ האט זייא צוא דער ערד גשלאגן אונ זענען גלעגן גלייך וויא טויט גווארין אונ האבן ניט גקענט אוועק גיין ביז קעגן אבינט איז ווידר איין ווינט גקומן אונ איין קול אונ האט גרופן שטייט אויף אונ גייט אוועק פון דעם אורט אזו זענען זייא אוועק גגאנגן אין גרוסע שרעק צוא דעם פאטר אונ האבן אים דער ציילט אזו האט ער גשיקט גאך קונסטנטינאפל דארטין איז גוועזן איין חסיד האט גהייסן רבי אברהם האט אים דער חסיד תשובה גשריבן אז דארט ליגן דיא

מלכי בית דוד אז דיא צוויא ישמעאלים זענן קראנק גלעגן לאנגי צייטן
האט מען בפולין דאס אורט ווידר צוא גערין ביז היינט קאן קיינר אהין
קומן · דאס גלייכן מערת המכפלה וויא דיא אבות ליגין זעלכע קברי
צדיקים זענן פיל אין ארץ ישראל · רבי יצחק לוריא עליו השלום איז אויף
פיל קברים גנאנגן אונ דער צדיק אין קבר האט אים מגלה געוועזן גרוסע
סודות וויא איך האב אובן גמעלט · אויף קבר של רחל שטייט נאך ביז
היינטיגן טאג רחל מבכה על בניה אין טייטש אונזר מוטר רחל וויינט אונ בעט
פאר השי"ת ער זאל אונז אום לייזן אונ צייט וויא ישראל זענן פאר טריבן
געווארין פון א"י אזו איז נאך ארץ ישראל ניט רעכט מיושב אונ עס וואקסן
קיין פירות ניט אזו צייטן ווען גליך איין שטאט גבויאט ווערט זענין דער
קענין צעהן חורבות אונ מפולת בתים דער גרונד פון דעם בית המקדש
זענן לוטר גוועלבין דיא שטייאן נאך אין דיא כותל מערבי שטייט אויך נאך
איין שטיק דער פון זונסט זענן פיל חורבנות ביז השי"ת ווערט כל ישראל
צוא אננדר נעמן וויא זייא זענן פאר שפרייט דאס איז נאך ניט מקוים
געווארן · דען אין ערשטן גלות זענן צוא ריק גיקומן שבט יהודה וחצי שבט
בנימן אבר דיא עשרת השבטים וואס אונטר דעם סמבטיון זענין דיא
ווערן אלי צוא אננדר קומן ווען משיח ווערט קומן מיר ווייסן קיין רעכטן
שורש פון זייא · החכם רבי מנשה האט פיל דער קלערט אטייל מדינות
וואס דרינן וואונן פון דיא עשרת השבטים מיר ווייסן גיט ביז השי"ת ווערט
מקבץ נדחות זיין ווען נור מיר ישראל וואלטין פרום גיוועזן · נון קיינר וויל
ניט צום הארצן נעמין איין טרייאר קנעכט צוא זיין צוא השם יתברך הי'
אכטונג זעלט געבן אויף ארץ ישראל דער אימליכם זיין הארץ דער וועקין
וואלט · דען דיא הערצר זענין נוט נייארט איטליכר גייט זיין וועג פאר זיך
זיינעם גוף צוא פאר ווארן אונ דיא נשמה פרווארט קיינר איז דער השי"ת
זיין כבוד וויל אן נעמן · אויף זיך זעלבסט האט ער קיין רחמנות · וויא טוט
עס דעם מענטשין אזו באנג ווען זייני גוטי פריינד איין היזיק צוא קומט אז
עס וואלט אים גערין העלפן אונ גאט רעכינט מען ניט פאר קיין פריינד עס
איז נאך מענבר משמח ווען ער זעהט אז איין עבירה טוט וויא איז דיא
ליבשאפט פון גאט · ווען איינר אין איין תפיסה זיצט אונ מען טוט אים
גרוסע ענויים אן דער מלך לאזט אים אום דער תפיסה אונ גיבט אים זיין
טאכטר פאר איין ווייב דער זעלביגר האלט דאך זיין טאכטר חשוב אונ
ווייסט דעם מלך אייביג ניט אפ צוא דינן · נון השי"ת האט אונז באשאפן
גיבט אונז פרנסה ער האט אונז אום גליזט אום מצרים אונ אונז דער צוא
פיל גוטץ גגעבן אונ האט אונז אום דער ווילט אונ האט אונז זיין טאכטר
גגעבן דאס איז דיא נשמה אונ כל ישראל אלי נשמות וואס אויף דר וועלט
געבארין ווערין דיא זענין אלי זעלבסט געווען אויף דעם בארג סיני זייא
האבן השי"ת זעלבסט גזעהן אונ מיר האבן אלי בשמחה דיא תורה מקבל

גווען

גאנצי תורה געגעבן צוא דעם מענטשין ער זאל זיא מקיים זיין דען ער איז מתקן אלי עולמות אונ מלך מלכי המלכים הקב"ה זייני אויף האלטונג ווערט ער דורך גפירט זעלבס ווער לאנג דער פון צוא שרייבן · נון ווען דער מענטש שטארבט דען מוז ער חשבון געבן מוז זייני חשבונות געבן אפילו אויף איין איבל ווארט וואס ער רעט מוז ער חשבון געבן אונ איז איין רגע ניט זיכר דאס מען אים פאדערט לחשבון :

משל איין שר האט איין הוז גלאט בואן צוא פיל בלינדי אונ האט זייא געוואלט לאזן היילן אלס זייא זאלן זעהנדיג ווערן אונ האט אלס גלאט צוא ריכטן טיש אונ בענק אונ אלי ברעטפניש · נון דיא בלינדי האבן זיך ניט געוואלט היילן אונ זענין בלינדר הייט אונ חדר ארום גיגאנגן אונ זענין גפאלין איבר טיש אונ בענק אונ האבין זיך וואונדין גשלאגין האבן פיל צרות אום גשטאנדין אזו האבין זייא גרעט אויף דעם שר דער דאס הוז גבואט האט וויא וואול זייא זענין דאך זעלבסט שולדיג דראן גוועזין זייא האבין ניט געוואלט דער קענין דאס דער שר אויף איר טובה איז אוסין גיוועזין צוא איר רפואה · אזו אוך דער מענטש איז בלינד ער האט קיין תורה ומצות ניט אזו שיקט הש"י יסורים אויף אים ער זאל געהיילט ווערן אונ זאל תשובה טאן נון ווען דער מענטש דער קענט ניט אונ ברענגט ניט רפואות הנפש קומן נאך מיין יסורים אויף אים אונ אלס לטובה וואס דעם מענטש צוא קומט דער מענטש קען ניט וויסן וויא עס אים לטובה איז · אמאל זענין לייט גלעגין אונ האבן גשלאפן ביא איינר מויער אזו איז איין הונד גקומן אונ האט אויף איינם משתין גוועזן איז האט ער זיך זייער מצער גוועזין ער האט גמוזט אויף שטיין אפ צוא וואשין אונ וויא ער פון זייא גגאנגין זיך אפ וואשין איז דיא מויער איין גפאלין אונ חבירים זענין דער שלאגן געווארן דער דורך איז ער ניצול געווארין אונ האט זיך משמח גוועזן דאס עס איז אים לטובה געוועזין · דרום מוז דער מענטש אלס פאר ליב אן נעמין פון הש"י אונ ניט צוא זיין אלס וויא איין ביין קינד עס מיינט אלין וואס דער פאטר אים טוט איז ער שולדיג צוא טאן דער ווייל עס פון יוגנט אויף ביא פאטר אונ מוטר איז דער צוגן געווארן אזו זאל דער מענטש ניט מיינן ווייל אים השם יתברך דעם חסד האט גטאן אונ אים פון יוגנט אויף דער צוגן אלס הש"י איז שולדיג אים טובות צו טאן גאט איז ניט שולדיג אונ בצאלט דעם מענטשין אויף אלים אונ איז מדה כנגד מדה דער דורך קאן דער מענטש זיך דער מאנין וואס פאר איין עבירה ער האט גיטאן דען מאנכים מאל פאר געסט דער מענטש זייני עבירות שיקט אים הש"י יסורים מדה כנגד מדה דען קאן ער זיך דער מאנין וואס ער האט גזינדיגט אונ דארוף תשובה צוא טאן · איין פסוק שטייט לך ה' החסד כי אתה תשלם לאיש כמעשהו דאס איז טייטש צוא דיר גאט איז דער חסד דוא שטראפסט דעם מענטשין וויא זייני עבירות אונ טוט

תשובה

ושובה צו השי"ת זיין חסד אז ער איז מקבל תשובה · אין פסוק ששים
חפץ חסד הוא דרום קער ער בצייטן תשובה צוא טאן איידר השי"ת שיקט
יסורים אונ זאל זיך זעלבסט דער וועקין לתשובה אונ זיין עבירות מער
טאן · פיל האבן מורא צוא גנבינן זיי האבן מורא זייא ווערין בשטראפט
ווערין מכל שכן אז מען מוז מורא האבן פאר אונזרין גליבטן מלך מלכי
המלכים הקב"ה אונ ניט זינדיגן אונ ניט טראכטין לרוט אחר טמון צו זיינ
דער מענטש קאן דאך ניט מער דער לאנגן דאס וואס אים פון גאט איז אונ
געלייגט וואס דער מענטש זאל געווינן אונ וואס זאל פאר לירן דרום זאל
דער מענטש ניט זאגן האט איך דס ניט גטאן וואלט איך קיין היזק גיהאט
עס איז אלין גזירות הקב"ה ער האט דעם היזק טון ליידן דרום זייא צוא
דיא לייט דיא פאר געסן אן דיא תורה ער קאן דער דורך ניט מער דער
לאנגן אלס וואס אים אויף געלייגט איז:

משל איינר איז גרייזט אונטער וועגן אונ עס האט אים גדארשט האט ער
אן גטראפן איין אום ריין וואסר האט ער זיך ניט אויף גהאלטין צוא
טרינקן ער האט מורא גהאט ער ווערט קיין וואסיר מער קריגן צוא טרינקן
נון האט ער זיך זאט גטרונקן פון דעם ביין וואסר נון וויא ער ווייניג
ווייטר גייט טרעפט ער אן איין שענרין קוואל גוטי זיסי וואסיר האט ער
גרוס חרטה דאס ער האט זיך ניט אויף גהאלטן צוא טרינקן דאס שלעכטי
וואסר · אזו אויך דער מענטש מיינט דורך זיין גרוסי רייזן אונ פיל האנדלן
ברענגט ער פיל צוא וועגן אונ גייט ניט נאך תורה ומצות ער האט קיין
בטחון צוא השי"ת מאנכים מאל רייזט ער גאר ניט אונ גאט שיקט אים צוא
דאס ער דאך געלט פאר דינט האט ער חרטה אונ זאגט דא האב איך מיר
מוזן ווינד אונ וויא טאן אונ אצונד האט מיר השי"ת איין מציאה צו געשיקט
אזו גהערט אמענטש תשובה צוא טאן אונ ווייניג משא ומתן צוא טאן
השי"ת שיקט דאך ברכה אין דיא ווערקן וואס דער מענטש טוט אבר דאס
עיקר טוט זיין תורה אונ מצות נאך צוא גיין דער מענטש ווייסט ניט אוב
דאס געלד אים למובה איז:

משל איין פוגיל דער זעהט איין גערן אויף געשטעלט אונ עס ליגט תבואות
דרינטר אזו מיינט ער דאס איז פאר אים גוט פליצלונג דוא ווערט ער
גפאנגין אין דער גערן · אזו אויך דער מענטש מיינט דאס געלד זאמלן איז
אים גוט אונ איז לרעה לרוב וויא ער חושב איז וויא מיר אובן פיל דער פון
גמעלט האבן · מען זאגט דאס שפריך ווארט ארום איז קיין שאנד · גנבנן
אונ גזלן איז איין שאנד · וואס העלפט שון דאס געלד ווען ער זינדיגט
אונ פאר געסט אן גאט אונ וויא מער געלד ער האט וויא מער האט ער
זארגן גלייך איינר דארשטיג איז אונ טרינקט געזאלצן וואסיר דארשט אים
נאך מיין טוו זיך באנגן לאזן עס איז אלין פון גאט ווען זיך דער מענטש
נאך אזו יא מוט אין משא ומתן אונ האט יומם ולילה קיין רוה העלפט

אים

אים אלין ניט. איינר איז איין סופר געוועזין האט ער זיך פֿאַרנומט מיט שרייבן אזו איז זיין שכן איין חסיד געוועזין דער האט אים געפֿרעגט וויא גייט עס דיר האט דער סופר געענטפֿערט עס גייט מיר וואול מייני הענט גיבן מיר צוא עסין. דעם זעלביגן טאג ווען אים זייני הענט שוואך געווארין אזו האט ער ניט געקענט שרייבן דאס איז אים צוא קומן דער ווייל ער זייני פאר זיכרונג האט געהאט אוף זייני הענט אונ ניט אוף גאט. דרום זאל זיך דר מענטש ניט פאר לאזין אוף זיין שכל אונ אוף געלד. קרח אונ המן האבין זיך בטוח געוועזין אוף זייער ממון וואס האט עס זיא געהאלפין. א נוזרי תלמידי חכמים האבן זיך איטליכר איין מלאכה געלערנט אונ האבן געארבייט אז זייא האבין ניט מער געהאט אז צוא לעבין אונ האבין תורה געלערנט זייא זענן אוך גרוסי עשירים געווען. הש"י האט זיין מערכה געגעבן. ניט וויא בעונותינו הרבים דער עולם מוט הונדרט ערלייא משא ומתן אונ איין רגע ניט תורה צוא לערנן מען נהער ביא איינם צוא בלייבין אונ תורה ומצות צוא האלטן דאס איז איין גוטע סחורה:

מעשה עס איז איין מאל געוועזין איין וועבר האט זיך וויא געטאן אין זיינר ארבייט אונ איז דאך איין ארימר מאן געוועזין אוף אמאל איז ער געגאנגן אוף איין חתונה דארטן איז געוועזין איין מארשעליק האט דיא לייט לוסטיג געמאכט ער איז געגאנגן אוף איין הויכין טארעם פופציג איילן הויך אונ האט זיך פון דעם טארם ארונטר געווארפֿין אזו האט מען אים פיל געלד געגעבן. דיזר וועבר האט זעלבעס צוא געזעהן אונ האט זיך אן אים מקנא געוועזין אונ זאגט איך מוז אזו שווער ארבייטן אונ ברענג ניט פר מיר אונ ער טוט זיך ניט וויא דרום אונ בקומט געלד איך וויל אוך זיין מלאכה ברוכין. אונ איז געגאנגין אוף דעם טארעם אונ האט זיך פון אובן ארונטר געווארפין ער האט געמיינט דורך דיא קונץ געלד צוא פאר דינן אבר ער איז דיא מלאכה ניט געוואונט געוועזין וויא ער האט זיך ארונטר געווארפין האט ער זיין גניק צוא בראכן. דרום מוז מען יענעם ניט מקנא זיין בפרט וועלכר איין למדן איז מוז זיין תורה אפ ווארטן ניט לייכט איין למדן דער דא וויל איין בע"ל משא ומתן ווערין דאס אים וואול גייט אוף דער וועלט אוסר וואס ער עולם הבא דער דורך פאר לירט. מען מוז קיינם מקנא זיין אונ קיינם נאך צוא מאכן. אמאל האט איינר געהאט איין אפף אין זיין הויז אונ ער האט זיך דיא בארד געגאלט מיט איין שער מעסיר אונ איז אוועק געגאנגן אונ האט דאס שער מעסיר גלאזט ליגן אזו איז דיא אפף געגאנגין אונ האט דאז שער מעסיר גנומן אונ האט געוואלט נאך מאכן זיך צו פוצן אזו האט זיא זיך דיא קעל אפ געשניטן אזו דאס. גרוסי שטאט פירן אז איטליכר וויל יענם נאך מאכן איז דער בליון בעולם הזה ובעוה"ב עס איז בעונותינו הרבים שכיח צוייא ווייסן איין משא ומתן אונ איטליכר האט מורא דער אנדרר ווערט עס בקומן אונ גיין הונטר דעם אנדרין אונ ריידין

איינר

איינר אויף דעם אנדרין דערדורך קומט חילול השם אונ בקומט קיינר ניט ווען איינר יוא בקומט איז דער ריוח נישט גרוס האט יענר שון מבולה גמאכט אונ קומן כמה עבירות דער דורך אז איטליכם גלוסט אלין צוא האבין אונ איז יענם מקנא דיא זעלביגי האבן קיין בטחון אן השי"ת ווען
פאר לארני נשמות :

משל איין פאשי האט גהאט צוויא קנעכט איינר האט גהאט דיא מדה פון תאוה האט אלץ גגלוסט האט גערן אלס דאס געלד פון דער וועלט גהאט דר אנדרר האט גהאט דיא מדה פון קנאה ער הט איטליכם מקנא גוועזין ער האט ניט קענין ליידן יענר זאל עפוואס האבן דער פאשי צוא זייא גזאגט זייא זאלן פון אים בעטן וואס איינר וויל זאל אים געבין ווערין אונ דער חבר זאל טאפלט אזו פיל האבן . אזו האט קיינער ניט גוואלט אן פאנגן דער בעל קנאה האט מורא גהאט אז זיין חבר וועט טאפיל בקומן דער בעל תאוה האט אלץ גגלוסט האט גערין אלץ האבן . דאך האט דער בעל קנאה אן גפאנגן צוא בעטן ער פאר לאנגט פון פאשי ער זאל אים איין אוג אויס שטעכין אזו איז אוך גשעהן דעם בעל קנאה האט מען איין אוג אויס גשטאכין אונ דעם בעל תאוה צוויא אויגן . דרום זאגין אונזערי חכמים הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם ער פאר לירט עולם הבא דריבר אונ שטארבט פאר זיינר צייט . עס שטייט אין דער תורה לא תחמוד דען עס קומט אלץ ביין דער פון :

משל איינר האט גהאט איין שיינעם גארטן אונ איין פויגיל איז אלי טאג גקומן אונ האט גרוס שאדין גמאכט אין גארטן . נון דער הער הט אים נאך גשפירט אונ האט אים גפאנגן אין זיינר נעץ אין צארין האט ער דעם פויגל גוואלט ממית זיין האט דער פויגל צוא אים אן גהובן צוא ריידן איך בין איין קליין פייגלי וואס ווערסטו פאר איין נוץ האבן ווען דוא ווערסט מיך אום ברענגן איך וויל דיך וואס לערנין ווערט דיר צוא נוץ קומין · אן מיר ווערסטו דיך ווייניג נערין אונ דוא ווערסט ניט זאט ווערן פון מיר · אזו האט ער דעם פויגיל לעבין גלאזט דער קעגין האט דער פויגיל אים גלערינט דרייא ארלייא זאכין אונ צו אים גזאגט . נעם דיא דרייא זאכין וואול אין אכט · איינס איז דוא זאלסט פאר לאזין וואס דו האסט פאר לוירין · וואס אנדרי איז דו זאלסט פאר לאזין וואס דו קאנסט ניט דער לאנגין . דאס דריטי איז דוא זאלסט ניט גלייבין וואס עס קאן ניט זיין . מיט דער צייט ווערסטו וויסן דער נוץ דער פון · דער גערטנר הט זיך משמח גוועזין אז ער דיא דרייא ארלייא האט גלערינט אונ האט דעם פויגל גלאזט פליען אזו באלד איז דער פויגל גפלויגין אויף איין הויכין בוים אונ האט דעם האר פון גארטן גרופן איי דוא נאר זאלסטו וויסן וואס דוא פאר לארין האסט קערסטו דיך מצער צוא זיין דיין לעבין · האט ער דעם פויגל גפרעגט וואס איז דאס . האט אים דער פויגל גענטפרט דאסטו מיך

גהאט · אזו האבן דיא לייט דעם מנהג גפֿירט ווארים דער חזן איז
נים גפעלט · האט ער געענטפֿערט וויא זאל איך הנאה פֿון זייגער גזאנג
האבן אונ איך פֿאר שטייא דאס ער זינגט ער זאל מיר וואול געפֿאלין אונ איז
קיין כוונה לשם שמים ביא אים וויא בעוה"ר קצת חזנים זענין מכי דעת
זעלכם איז מעכב אונזר גאולה · וויא זאל דיא תפלה נשמע ווערין ווען
מען זעלכי מליצים האט · פֿאר צייטן האט מען חזנים גהאט דיא האבין
טון זיין דיא גרעסטע תלמידי חכמים וויא מען גיפֿינט הגאון מהרי"ל איז
איין חזן געוועזן אונ בעוה"ר דער יצר הרע האט גובר געוועזן דיא מיינסטע
ווערק וויא מאן זייא טוט · טוט מען פֿון אונזרי הנאה וועגין · עס זענין אזו
פֿיל ספרי מוסר דיא הער פֿון שרייבן אונ קיינר איז נים משגיח דראן ·
בפֿרט הגאון בעל משאת בנימין שרייבט דאס פֿון דעם חטא וועגן ווערט
דיא גאולה מעוכב דען דאס איז וויסיגליך אז דיא תפלה איז אן שטאט
אונזר קרבנות דער חזן איז אן שטאט דעם כהן גדול ובעוה"ר וויא מענכי
חזנים דיא עבודה פֿאר ריכטן · איך דארף נים פֿיל פֿון צוא שרייבן עס איז
ידוע בעוה"ר דס צרעת האט נון איבר הופֿט גנומן בפֿרט ימים נוראים ווען
גלייך איינר קיין ווארט פֿאר שטייט אין דער תפלה שוט ער זיך דער צוא
דרינגן אונ רייסן · דוד המלך האט אלי טאג אזו פֿיל טרערין פֿאר גאסין
איבר דיא דא עובר זענן דיא תורה אז איר הערצר זאל זיין גאנץ מיט
הש"י ווען איינר לייטן איז חייב וויא ווייא איז אים וויא זארגט ער ווי לופֿט
ער טאג אונ נאכט צו זעהן זייני חובות צו בצאלן אונ מיר זאגן אלי טאג
אשמנו איז טייטש מיר זענן שולדיג גרוסי חובות מיר טראכטן נים בצאלן
וויא ווייא וועט זיין ווען דער יום הדין וועט קומן וויא עייא ווען דער טאג
וועט קומן אלם גאט וועט שטראפֿין וויא ווערין מיר אונזר פנים אונטער
שלאגן וויא איין שלעכטן פסק וועלין מיר ח"ו האבן · אנדרי צדיקים וועלן
זיצן אונ איר קרונין אוף אירי קעפ אונ אונז פֿירט מען ח"ו לשאול תחתית·
ועל כן ליבע ברודר ווער איין יהודי גנענט איז אום גאטס ווילין צוא טון
דאס ספר וואול אין אכט צוא נעמן · איך שרייב אייך לוטר תורת אמת
דעם מענטש צוא דער מאנין עפינט אייער אוגן הערט צוא מוסר אונ
איטליכר איז מחויב דעם אנדרין צוא העלפֿין גלייך אלם פֿיל פֿוערן דיא
דא פֿארן אונטר וועגין ווען איינר שטעקן בלייבט איז דער אנדרר מחויב
פֿערד צוא שפאנן אונ אים צוא העלפֿין זאנסט קענין זיא נים פֿארט קומן
אזו מוז איינר דעם אנדרן פֿארט העלפֿין · דרום שרייב איך אייך דאס
ספר דעם מענטשין פֿארט צוא העלפֿן אונ דער מאנין ווער שכל הט ווערט
דעם אמת פֿאר שטיין אונ ווערט אן פֿאנגן תשובה צוא טאן איינציג ווייס
נים אוף איין מאל צוא שטארקן תעניתים וסיגופֿים זיך אן טאן זעלכס טוט
קיין גוטץ · ווען איינר פֿון זיינר קרענק אוף שטייט מוז ער ביסליך ווייס
עסין אונ נים פֿיל אוף איין מאל עסין זונסט וועט ער קראנק ווערין · אזו

אוך חרטה מוז זיין מיט גאנצין הארצין אבר דיא תשובה ניט אוף איין מאל ווידר דיא נאטור גיין נייארט איינציג וויים דיא חרטה מיט גאנצין הארצין דאס מוז זיין אונ מצות דער ביא צו טאן אונ ווייטר ניט מער צו טאן דר ביי איינציג וויים תעניתים וסיגופין צוא טאן :

והעיקר דער בעל תשובה מוז אוך אנדרי לייט אן ריידן צו טאן תשובה דען ווען איינער איז חייב אונ קאן ניט בצאלין מיט דעם זייניגן אזו ווערט ער איין מעקלר ער נעמט פון אנדרי לייט סחורה אוף גיגעצט אונ וואס ער פאר דינט דער מיט בצאלט ער זייני חובות . קען ער ניט אזו בצאלין וואס ער איז השם יתברך שולדיג מוז ער זעהן אנדרי זאלין ניט ווערין דורך אים גשלאגן . אונזרי חכמים זאגין אוי לרשעים שמאבדין את העולם איז טייטש וויא צוא דיא רשעים זייא מאכן אז דער עולם ווערט גישלאגן דורך זייא :

משל איין שילד וואס אלרלייא צורות זענין דרויף גמאלט ווען איין שטיק דער פון מכוסה ווערט ווען גלייך דיא אנדרי צורות זענין גאנץ איז דאך איין היזק איז שון ווייניגר ווערט אזו אוך כל ישראל איז איינר ערוב פאר דעם אנדרין זייא הייסן איין גוף ווען איינר זינדיגט ווערט דער עולם גשלאגין . דרום איז איטליכר מחויב דעם אנדרין אפ צוא ווערין וואס מעגליך איז אלס מיט גוטן מחזיר למוטב צוא זיין אוך איז דער בעל תשובה מחויב ווייטר צוא באהעפטין זיך צוא לומדים אונ צדיקים מער אלס איין אנדרר דען דורך שלעכטי חברותא קומט אלס ביין . אוי לרשע אוי לשכינו וויא איינר איין זאק מעל רירט אן ווערט ער פול מעל אזו אוך דער וואס חברותא מאכט מיט איין רשע . ווען צוויא האבין סחורות בחברותא אונ דער איז שולדיג אזו נעמין בעלי חובות דיא סחורה גאר אוועק מיט צרות אונ לייד איידר ער קאן דיא סחורה ווידר בקומן . אזו אוך דר זיך מתחבר לרשע איז ווערט אוך גענש אונ ווען דוא גלייך זעהסט איין רשע דעם עס וואול גייט זייא אים ניט מקנא געווים בצאלט השם יתברך אים זייני זכיות אוף דער וועלט וויא נון אובן איז גמעלט . אונ מענכים מאל איז איינר איין גרוסר עושר אונ גאט שטראפט אים ניט ביז ער שטארבט דען עס קומט אמאל איין זון אדר איין איינקל איין צדיק פון אים . שטייט איין משל איינר דער ניט גערין ווייין טרובן עסט ווער בילך ער זעלט זיין ווייין גארטן פאר דארבן דאך פלאנצט ער אים דען אום דיא טרובן קומט גוטר ווייין . אזו אוך מענכים מאל שטראפט השם יתברך דעם רשע ניט טאמר קומט איין זרע כשר . פון אברהם אבינו איז פון תרח גקומן . דאס זענין גרוסי סודות דאס מענכים מאל איין צדיק פון איין רשע קומט אבר נאר זעלטן . עס וואקסט מענכים מאל איין רויז אוף איין שלעכטן דארן . דרום זייא דיך ניט מקנא אן רשעים נייארט זייא דיך מקנא אן תלמידי חכמים וצדיקים אונ טוא דיך צוא זייא בהעפטין .

וויא

זיא בעז איז דער פון לערינט מען אפ . אונ קוף דיר ספרי מוסר דען דורך תלמידי חכמים אונ ספרים ווערט מען גוואר דעם רעכטן וועג גאט צוא דינן . ווען איינר וויל רייזן אין איין פרעמדי מדינה ווען ער ווייסט שון וויא דיא מדינה ליגט ווייסט ער דאך נוט אהין צוא ביזן אזו אוך דורך דער תורה ווערט מען גוואר דעם וועג גאט צוא דינן ווען גלייך זיין הארץ איז גנייגט צוא גאט מוז מען נאך פארשטיין וויא גאט צוא דינן איז דרום האט שלמה המלך גזאגט ולקראת חכמים יחכם איז טייטש ווער גייארט גייט בייא תלמידי חכמים דער ווערט אוך קלוג אונ לערינט פון אירי מעשים . לאז דיך ניט פון דעם יצר הרע פאר פירין דוא ווערסט זאגין איך קאן ניט לערנן גם ווענין ספרים גנוג גמאכט אויף טייטש . טוא דיך דרינן במיהען ווערסטו פר שטיין אונ ווערסט גוואר ווערין גאט צוא דינן , איזהו חכם הלומד מכל אדם פון וועמן דער מענטש טוט הערין אין דבר יראה מוז ער מקבל זיין גלייך אז הש"י איין מציאה צו שיקט . ניט וויא אטייל גשפעט מרייבן אום דעם מוכיח אונ זאגט דיא שמועות ווייס איך אליין וואול דאס הייסט איין רשע להכעיס ער ווייסט וואל אונ האלט עס ניט . בייא דעם האט דר יצר הרע איבר האנט גנומן אז אים ניט צוא העלפין אין זיין לוסט וואס ער האט אויף דער וועלט וועט אים באלד פאר גיין . דיא תורה אונ אלי נביאים אונ אלי חכמים זענן מזהיר אויף תשובה אונ מרייבט גשפעט אום מוסר אונ איז דעם מוכיח נאך מבזה אוי להם ולנשמתם . ווען איין אדון שיקט זיין קנעכט ער זאל טס איין נעמן אונ דיא לייט געבן איר טס ניט אונ דיא לייט געבן איר טס ניט אונ שלאגן אים נאך דער צוא וויא הארט ווערין זיא גשטראפט אזו אוך ניט גנוג ער נעמט קיין שטראף אן איז ער נאך דעם מוכיח מבזה :

משל פיל חיות שפייאן אונ פרעסין אין דעם זעהן זיי איין מענטש קומט זייא אנטקעגין האבין זייא מורא אונ מיינן דער מענטש ווערט זייא דיא נבילה אוועק נעמן אזו ווענין זייא איבר דעם מענטשן גפאלן אונ האבן אים צוא ביסן . אזו אוך בעו"הר עס קומט מאנכים מאל איין מוכיחאדר איין לסרן אזו טאבן זיך בייזע לייט איבר אים זייא האבן מורא זייא ווערן פאר שעמט ווערין זענן זייא דעם למדן מבזה זייא האבן אים פיינט ווייל ער איז פרום זייא האבן מורא ער ווערט זייא זייער רשעות פאר הונדרן זייא מיינן ווייל זייא געלט האבן זענן זייא בעסיר . דיא איין גרויסר טעות איז דאס וועלכי גאוה צוא האבן עס איז מענכר איין אפגריסינר גאן אונ איגן ווייניג איז ער מלא יראת ה' מען טראגט מעתקי גוטי סחורה אין איין ביין זאק :

עס איז ניט אן דיא קליידר גלעגן אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו האב שון אובן גמעלט דיא תורה האט פאר באמן מען זאל קיין זוער טייג אונ האניק ברענגן צוא דעם מזבח דער ווייל האניק גייט אויף בייא דעם פייער

אונ זוער מיינ גייט אויך אוף אין דער הייך אונ השם יתברך קאן קיין גאוה ניט ליידין ווער אוף זיך בלאזט מען קאן קיין מענטש ניט פר אכטן אין לך אדם שאין לו שעה . יעדר מענטש האט זיין שטונד . מיר וועגין אלי גאטס קינדר מען קאן ניט וויסין וועלכר פרומר איז . דער מענטש וועהט אין דיא אויגין אונ גאט וועהט אין דעם מענטש זיין הארץ איטליכר ביא זיך קאן זיין חסרון וויסין אונ תשובה טאן . פר צייטין האבין מיר גהאט ארבע מיתות בית דין אונ קרבנות האבין זיא מכפר גוועזן אצונד האבן מיר ניט מוז דער מענטש איין צו בראכין גמ״ט האבי״ן וועלכים איז מער אן גנומין אלס קרבנות . ווען דער מענטש האט עובר גוועזן אוף עבירות שבין אדם למקום העלפט תשובה . מענכר קומט אים אלי זיין האב אונ גוט אונ בלייבט אים גיארט אין גולדין . אבר מיט דעם האט ער מער פאר דינט אז ער האט גהאט פאר אן . אוך ווען שוין אלס פאר לארין אונ ער האט אוך עבירות שבין אדם למקום עובר גוועזין . מיט דיא מצות תשובה וואס אים בלייבט איבער קאן ער אלץ פאר ריכטין אונ קאן אין איין העכר מעלה קומן בעולם הבא . וויא מען טוט מאלין אזו בקומט מען מער :

משל איינר זייעט תבואה איין מייל צוא טרעטין דיא לייט אטייל גייט גאר ניט אוף אטייל עסין דיא פייגל אבר וועלכס רעכט אין דיא ערד בגראבן איז וועלכס שפראצט גוט ארוס . אזו איז דיא רעכטי תשובה וואס דאס הארץ פון גרונד אוס גריסן איז דיא תאות לבות גדאכט אין זיינם הארצן אום יראת שמים אבר דיא תשובה וואס אובן אוף איז ניט אין גאנצן הארצן וועלכס איז ניט דיא תשובה וואס פון גוטין הארצן איז דיא האלט וויא איין איירגע מוער דיא גייט ביז אן דעם כסא הכבוד אונ אזו וואול אלס ער מוז זיך מצער זיין אוף זיינע עבירות אזו טוז דער מענטש זיך אוך מצער זיין ווען ער זעהט איין אנדרין איין עבירה טאן :

משל איין מלך דער איין גטרייאן קנעכט האט . ער האט דעם מלך זייער ליב נון ווען דעם מלך זיין ווילין ניט פארט גייט איז זיך דער קנעכט מצער . אזו אוך הש״י וויל ניט האבן דאס דער מענטש זינדיגט גאט פאר לאנגט פון מענטש ער זאל גוט אונ פרום זיין . נון ווען איינר זאלט זעהן איינם איין עבירה טאן אונ זאלט לאכין . וועלכס איז איין עבירה וועלכר גאט ליב האט גהערט ער זיך מצער זיין דרבר אונ יענם צוא ריידן מיט גוטע רייד צוא ברענגן לתשובה וועלכס הייסט איין גטרייאר קנעכט וויא אין פסוק שטייט כי חולת אהבה אני וויא איינר זיך פאר ליבט אן איינר פרויא אזו ברענט זיין הארץ נאך איר . אזו גהער דעם מענטש זיין הארץ ברענגן צוא דיא ליבשאפט פון גאט ווען דער מענטש אין דעם וועג וויל גיין העלפט השם יתברך צוא דער תשובה קאן ער מער זוכה זיין אלס איין צדיק . והעיקר בזה כעס ורגזנות אוועק טוארפין דען איין כעס דער האט קיי״

כדה טובה מקבל זיין · אמאל האט איין מלך זיינם קנעכט גזאגט דו האסט די מעשה גיטאן האט וואלט איך ניט אין צארן געוועזין האב איך מיך שטארק אן דיר נוקם געוועזין א״ו שענק איך דיר עס דאס מאל איך וויל מיין רוגז ברעכן דען דער מענטש ווייסט זיין צייט ניט ווען גאט זיין פקדון פון אינז אפ פאדרט אונ איז דאך אלס הבל · וויא שלמה המלך ע״ה האט גזאגט הבל הבל נייארט תורה ומצות זאל דער מענטש האלטן דען פון דעסט וועגין איז דער מענטש בשאפין גוואדין · דרום איז דער מענטש מחויב צוא טאן · ווען גאט אים יסורים צוא שיקט מוז דאך פיישר תשובה טאן דען גאט פרובט אים עס איז אים לטובה וויא איך האב גמעלט · דס עיקר מוז זיין תורה ומצות צוא טאן · אונ ווייניג משא ומתן אונ ניט פון ווייב אונ קינדר וועגן עולם הבא צוא פאר לירן בעונותינו הרבים דער סדר עולם איז ער לופט אונ פאר ברענגט יום ולילה אום פרנסה אונ פאר געסט אן השם יתברך · האט ער קיין בטחון אז השם יתברך קענן אים אין ווייניג משא ומתן מער ברכה געבן אלס וויא אין · פיל דער מענטש זייאט איין קערין וויין השם יתברך מאכט איין פולי זאנג · דרום · דרום ניט קיין נשים צוא פאלגן · אונזרי חכמים האבין גיאסרת אפילו מיט זיין ווייב איבעריג צוא ריידין דען עס ברענגט לבטול תורה ומצות :

מעשה איין חסיד האט גרייזט אין איין פרעמדי מדינה זיין דיעה איז געוועזין דארטין דיא לייט צוא וויזן אין גאטס דינסט · נון וויא ער איז אהין גקומן האט ער געזעהן דיא זענן אלי מיט אנגדר אין איין פארב גיגאנגין אונ גלייכע קליידר אונ איר בית הקברות האבין זייא גהאט ביא איר היזער אונ ער האט ניט געזעהן ווייבר אונטר זייא · האט ער זייא געפרעגט ווארום זייא זענין זיך אזו נוהג · האבן זייא גענפרט מיר האבן איינרלייא קליידר אז מען זאל ניט דר קענין וועלכר איין עושר אדר איין עני איז · דעסט וועגין עס זאל זיך קיינר בגאוה האלטין · אונ קיינר זאל פאר שעמט ווערין אונ האבן גזאגט עס איז איין מאל איין שר געוועזין ווען ער מיט זיינע קנעכט אום גגאנגן איז האט ער וועלכי מלבושים אן גטאן דעסט וועגין אז מען זאל אים גוט דער קענן · אונ מיר אונזר קברות פאר אונזר הייזר האבין דאס מיר זאלין איטר גדענקן אן טויט דס מיר אונז ברייטין צדה לדרך · אונ אז מיר קיין ווייבר האבן · איין בזונדרי שטאט דארטין האבין מיר אונזרי ווייבר הען איינר צוא זיין ווייב נייטיג האט גייט ער צוא זייא דאס זייא זאלין אונז ניט מבטל זיין פון גאטס דינסט :

מעשה וויא איין אשה טוט דעם מאן אן ריידן יראת שמים נאך צוא גיין געהער מען זיא פאלגין איך האב נשים גקענט ווען דער מאן איז איין רגע ליידיג גגאנגן האט זיא צוא דעם מאן גיזאגט גדענק אן גאט אונ אן עולם הבא וויא גייסטו ליידיג · אונ האבן איהרי מאנן לגדולה גבראכט

 רעסט

דעסט וועגין אליין זענן דיא ווייבר זוכה לעולם הבא וואול דעם מענטש דער מיט זיין ווייב גוט לעבן פאר ברענגט אונ דינין גאט מיט אנגדר דיא זענן זוכה בעולם הזה ובעולם הבא · אבר דער זיין ווייב האט אזו ליב אונ זייני קינדר אונ תאות לבות אונ דרוף טראכט ער נור דאס איז גלייך אלס איינר עסט האניק אונ איז סם המות דרינן עה שמעקט וואול זיס אבר ער שטארבט דער נאך · אזו אוך תענוגי עולם הזה זענן זיס אבר צום לעצטן ביטער · דאס האט דער נביא גזאגט הוי שמים מר למתוק ומתוק למר וויא צוא דיא לייט דיא מאכן אוס זיס ביטר אונ אוס ביטר זיס · דיא תענוגי עולם הזה זענן ביטר צוא דער נשמה לעולם הבא מאכן זיי ביטר אונ גייאן ניט נאך דיא תורה מקיים צוא זיין · הוי חכמים בעיניהם דאס איז טייטש וויא צוא לייט דיא זיך פאר חכמים האלטין ער מיינט ער גייט אין דעם רעכטין וועג זעלכים איז איין טעות גדול ווען ער נאך פארשטן ווערט זיך איין טעות בווייזן · דרום טוט תשובה וויל דער מענטש נאך קראפט האט לאזט אייך בנוגן טוט קיין הוכן שטאט פירן שטעלט אייער פרנסה גרינגר אונ דינט הש"י דיא גמרא זאגט ווען איין מענטש האט צעהן גולדן זיין איינגם זאל ער קרוט עסין אום דעם טאפ האט ער צוואנציג גולדין זאל ער קרוט עסין אום דער שיסל · האט ער דרייסיג גולדן זאל ער איין פונט פלייש צער צוא קופן · אונ ניט איבריג אוס געבן · ווען עס גלייך אצונד שוואכי לייט זענין דאך וואס מעגליך איז צוא דער שפארין כדי ער זאל קענן גאט דינן · ווען דער מענטש האלט אין בעכטין עסין זאל ער אוף הערן אום זיין יצר הרע צוא צווינגן דאס איז אזו פיל אז איין תענית. משה רבנו האט צוא ישראל גזאגט צום מארגן זאלט איר ברוט עסין זאט אונ צוא אבינט פלייש · דער מענטש זאל זיך ניט איבריג תענוגים אן טאן אונ זאל זיין הוצאה גרינגר שטעלן אז ער זאל גאט קאנין דינן · אוך ווען דער מענטש עסט גרינגע אבילות צוא אבינט אונ ניט פיל דען קאן ער פריא אוף שטיין גאט צוא דינן · אונ ווען דער מענטש הייבט אן תשובה צוא טאן אונ גאט שטראפט אים זאל ער ניט אוף הערן ער מוז ווייטר בעסר תשובה טאן ניט וויא אמאל הייבן אן איין מצוה צוא טאן אונ ווען דער נאך איין שטראף קומט איז ער מבטל דאס איז שלעכט דען ברייבט ער אין זיינעם רשעות · אבר וואס מען טוט לשם שמים איז קיין חרטה דרוף צוא האבין :

משל איין פוגיל וואס האט ניט אנדרשט געגעסן נאר פיש אמאל האט איין פישר גיפאנגן איין פיש מיט דער אנגיל אזו האט דער פוגיל גשווינד דעם פיש מיט דער אנגיל איין גשלונגן אזו איז איהר דיא אנגיל גבליבן נון דער פישר האט דעם פוגיל גוואלט צוא זיך ציהן אזו האט זיך דער פוגיל אן גשפרייזט אן דער ערד מיט צרות אז דיא אנגיל פון אים איז גקומן דער נאך האט דער פוגיל זיין טאג קיין פיש מער ניט געגעסן ער

מיינט

מיינט איטליכר פישׁ האט איין אנגיל אין לייב און איז גשטארבין פאר הונגר . אזו אוך זאל דער בעל תשובה ניט מיינן ווען אים איין צרה צוא קומט דער וייל האט ער אן גפאנגן תשובה צוא טאן אבר ער מוז וייטר תשובה טאן דאס איז דיא שפייז צוא דער נשמה און גאט שטראפט ניט אום זונסט מדה כנגד מדה :

מעשה אמאל איז איינר גגאנגן איבר אפעלד און האט איין בייא גארטל מיט געלט אום דעם לייב און ער וואר מיד און עס וואר אים ווארם אזו האט ער זיך אנידר גזעצט בייא איינם ברונן אין ער זאל זיך עטוואס אפ קילן און אפ רוען אזו האט זיך אפ גירואט און דער נאך איז ער אוועק גגאנגן און האט דעם בייא גארטיל פאר געסין און איין אנדרר איז גקומן און האט דאס געלט גפונן און ... מיט אים אוועק גגאנגן דער נאך איז איין דריטר גקומן צום ברונן און האט זיך גזעצט אפ רוען אזו איזהר ערשטיר ווידר גקומן און האט דעם ווידער גפונן זיצן בייא דעם ברונן און זאגט צוא אים גיב מיר מיין געלט וואס איך האב פאר געסין אזו ענפרט ער איך וייס פון נישט איך האב עס ניט . ער וויל אים ניט גלייבן און שלאגט אים צום טוט . האבין דיא מלאכים גפרעגט הש״י וויא דאס משפט ניט ברענגט האט הש״י געענפרט דער דאס געלד האט פאר לורין דר האט עס גהאט בירושה פון זיין פאטר דרום האט דער יורש זיין געלט גפונן וואס אים גהערט און דער דא איז דר שלאגן גוואורן האט יענם זיין נאהנטן פריינט דער שלאגן דרום האט ער אים דער שלאגין דען ער איז נעהנטר גוועזן זיין בלוט צוא רעכנין . דרום קער דער מענטש ניט פיתרעם זיין אוף דיא דעות פון הש״י זייא זענן אלי גרעכט און ניט אום זונסט שטראפט ער קיינם וויא שון אובן פיל מאל גמעלט האב . דער מענטש אוף דער וועלט מוז צרות אום שטיין קעלט און הונגר און דארשט וויא מאג און פארכט און מוז שטארבין . נון וויא מער ער עולם הזה נאך גייט אזו מער חטאים האט ער דרום זאל זיך דער מענטש אן נעמן דיא מדה פון צדיקים און גאט צוא דינין וייל ער לעבט און זיך בניגין לאזן וואס אים גאט בשערט און זאל זיין נשמה אין אכט נעמן און ווען דער יום המיתה קומט זאל ער מחלק לצדקה זיין אז מעגליך איז ניט אטייל טראכטין ניט אר איר נשמה און לאזין איר געלט אלין איר יורשים נעמט זיך ניט מיט צדה לדרך ווען גלייך זייני יורשים עשירים זענן . דיא טואן ניט רעכט . נאך זיינעם טוט קאן ער קיין גוטץ מער טאן ווען ער בייא זיינעם לעבין גוטץ טוט דען הייסט ער איין צדיק און ווען ער איז גשטארבן דעם זאגט מען וויא איין פרומר מאן איז דאס גוועזן :

משל צווייא שיפן איינע גייט אוועק אין איין פרעמדי מדינה און איינע איז אן גקומן פון איין פרעמדי מדינה . אוף וועלכר שיף איז מען זיך מער משמח אוף דר וואס צוא לאנד איז גקומן און האט פיל גוטץ מיט

גבראכט

גבראכט : אבר דאס ערשט זועק ציהט האט מען זיך ניט זייער משמח צוא זיין · ווער ווייסט אוב ער וועט בשלום ווידר קומן עס מוז נאך פיל שטורם אוס שטיין · אזו אוך דער מענטש ווערט געבארן גהער מען זיך ניט אזו שטארק משמח זיין דען מען קאן ניט וויסן וואס אוס אים ווערט ווערין דער יצר הרע איז שטארק מעבט ער איין רשע ווערין · אבר ווען ער איז גשטארבן אונ ער האט זיין נשמה ריין גהאלטין אונ אלי יסורים אוס גישטאנין · דען גהערט מען זיך משמח זיין דאס ער איז איין צדיק גוועזין אונ איטליכר גהער צוא טרוארין ווייל דער צדיק איז פאר לארן פון אונז דען דיא צדיקים זענן מגין אוף דעם דור מיט זייער זכות אונ דער צדיק שטארבט קיינם אפ אלס דעם דור וויא איין אבן טוב וואס מען פאר לירט ער מאג לגן וויא ער וויל בלייבט ער איין אבן טוב · אבר ווער עס האט אים פאר לארן דער האט צער · דרום גהער איטליכר צוא טרוארין ווען איין צדיק שטארבט · גאט וויל מענבי מאהל דיא לייט שטראפן אזו נעמט הש"י דעם צדיק פון דער וועלט אלס ער זאל ניט זעהן דאס בייז וואס אוף דיא לייט קומט דרום גהער איטליכר צוא בעטין דער צדיק זאל איין מליץ יושר זיין פאר כל ישראל אונ קער זיך ניט אזו שטארק מצער זיין ווען דער בפסטיר שטארבט קאן ער איין מליץ יושר זיין לעולם הבא · הכלל איז דעם צדיק זיין מעלה איז זייער חשוב בעולם הבא אונ דער רשע איז פאר לארן דען צדיק ורשע זענן גגליכן צוא איין וואג שאל ווען איינר איבר וועגט גייט דיא אנדרי ארוף · דען אוף דער וועלט איבר וועגט בעוה"ר דער רשע עס גייט אים וואול אונ דעם צדיק שלעכט · אוף יענר וועלט איבר וועגט דער צדיק ער גייט אין דיא הייך אין גן עדן אונ דער רשע גייט אונטר · מען ווארפט אים לשאול תחתיה אוך ווען דעם צדיק אוף דער וועלט וואס בייז צו קומט האט איטליכר רחמנות אונ ווען דעם רשע וואס צוא קומט האט איטליכר איין נקמה עס פאר גינר אים קיינר קיין גוטץ איינם גוטן פרומן מענטשן איז אלץ צוא פאר גינין עס קער אבר פיל דעו צו איין גוטר פרומר מענטש צוא זיין · עס ווער וואול בעסר דער מענטש ווערט ניט גבארן גווארן אבר נון ער גבארן איז מוז ער אום זיך בטראכטן אונ ניט לעבן אז איין בהמה עסין אונ טרינקן · דער מענטש מוז גדענקן שטעין גאט זעהט זיינע ווערק אונ איז משגיח אוף אלים הש"י לאזט רעגן קומן צווייא טראפין ניט אים איינעם אורט פון דיא וואלקין דעם מענטש זיינע האר וואקסין ניט צווייא אום איין גרוב אזו גרוס איז דיא השגחה פון הש"י · אונ דער מענטש וויל ניט צום הארצין נעמין דס הש"י האט השגחה אוף אלים אונ בפרט אוף דעם צדיק · עס שטייט עין ה'

אל יראיו איז טייטש דאס אוג פון הש"י איז צוא זיינע פארכטיר :

משל ווען איינר ציילן טוט מיט איין ביקס נאך עפים צוא שיסין אזו טוט ער איין אוג צוא מאכן קאן ער בעסיר זעהן צוא ציילין · אזו כביכול

הש"י

השי"ת זיין גרוסע השגחה האט ער אויף דעם ירא שמים : אויך שטייט
ואוני אל שועתם איז טייטש נאט זייגי ביידי אוהרין העריין דעם צדיק זיין
געבעט . ניט אז איינר וויל איינם ניט רעכט צוא הערין טוט ער זיין פנים
פון אים אוועק ווענדין אונ הערט אים ניט איין אויער אבר השי"ת פאר
נעמט דעם צדיק זיין תפלה מיט ביידי אוערין אזו גרוס איז דיא השגחה
אויף דעם צדיק . עס שטייט דר צדיק טוט קיין חבוט הקבר ניט לייבן דען
אין בית המקדש האט מען קיין פליג געזעהן מכל שכן אויף דעם צדיק האט
קיין ווארים ניט מאכט . אין דעם בית המקדש אן קיין פלייש דומפיג
גווארין מכל שכן דעם צדיק זיין פלייש נאך זיין טוט . עס שטייט רבי
אלעזר ברבי שמעון האט זיך פעץ אום זיינעם לייב גלאזט געמן אונ האט
עס גלאזט איין לאנגע צייט אין דר זון שטיין אונ איז ניט גווארן פוליג אוך
נאך זיינעם טוט האט אים זיינע פרוי גהאט בהאלטין אויף אירם בוידעם
אכצעהן יאר . אונ קיין ווארעם האט ניט אן אים שולט געוועזין אונ אז עס
זענין לייט גקומן צוא אים למשפט אזו איז איין קול פון דעם בודעם גקומן
אונ גיזאגט דער איז חייב אונ דער איז זכאי . דער דורך איז צוא זעהן דיא
מעלה פון איין צדיק איך האב פיל אובן גמעלט דער פון . נון וועלכר
מענטש אזו הארטנעקיג זיין קאן . אונ וועלכי זאכן ניט צוא הארץ נעמן .
אונ זיך איין צוא בילדין בעסער צוא זיין וויא דער צדיק :

משל איין קנעכט האט איין מאל עסין גבראכט צוא זיינעם הער אויף זיין
טיש אונ האט אום געריין פאר גאסין דער פון אויף דעם טיש . אזו
איז דער הער זייער ברוגז גווארין איבר אים . נון דער קנעכט האט גזעהן
אז ער איין שלעכטין פסק ווערט האבן . אזו האט ער דיא שיסל גאר אום
גקערט מיט פליים אויף דעם טיש . אזו האט זיך דער הער נאך מער
מרגז גוועזין . אונ האט בפולין מען זאל אים מער בשטראפין . דאך האט
אים דער הער גיפרעגט ווארום האט ער דיא מעשה רע גטאן ; אזו האט
ער גענטפערט אדוני איך ווייס וואול אז איר ווערט מיך לאזן שטארק
שטראפין . אזו וואלטין דיא לייט גיזאגט וויא איין נארישער הער איז דאס
פון אזו איין דומהייט וועגין האט ער זיין קנעכט גלאזט בשטראפן . וועלכם
ווער אדוני איין חרפה גוועזין אצונד וועלין דיא לייט זאגין דער הער האט
רעכט גיטאן אלס ער האט אים שטארק בשטראפט דער וייל ער אזו איין
גרוסי מעשה רע האט גיטאן : דוד המלך האט גזאגט מכל מלמדי השכלתי
דוד המלך האט פון איטליכן גלערינט . ווען ער איז שון שפל געוועזין .
אונ מען מוז פון איטליכן דעם אמת מקבל זיין . ווען גלייך איינר דער
גרעסטער חכם איז זאל ער ניט אויף זיין שכל זעצין מכל שכן אין יראת
שמים . דער בן אדם קאן דעם יצר הרע ניט בייא קומן . ער רעט דעם
בן אדם איין ער איז איין גרוסר חכם ; דרום מיינט דער מענטש ער גייט
דעם רעכטין וועג . אונ אין אמת איז ער פאר אירט אונ דער מענטש קאן

זיך ניט פאררעדט חולטין זי' מיז מאחרי מוסר פליכער לערנן אזוי אלס מקבל צוא זיין פון אימליכם · אונזרי חכמים האבן דרום געהייסן תלמידי חכמים דיא דא לערנן · דען וועלכר הייסט איין חכם דער דא לערינט פון איטליכן אונ זיך ניט איין בילדן · ווען ער נאך אזו פיל קאן האט ער ניט גנוג גלערינט · מכל שכן אין יראת שמים מוז דער מענטש זיך ניט איין בילדן ער איז פרום ער מוז אייביג מורא האבן ער דינט גאט ניט רעכט ווען ער איז גלייך פרום אונ איז איין למדן ער מוז לערנן אויך צוא פאר שטיין דיא טעמי מצות וסודות התורה אזו פיל וואס איז אום מעגליך · משל איין גרוסר הער האט געשיקט זיין קנעכט ער זאל געלד אפ נעמן פון זיינע קנעכט אונ דער גרוסר הער בפעלט אים ער זאל דאס געלד ריכטיג איבר נעהן איבר ציילן · נון דער קנעכט לאזט זיך איבר ריידן אונ נעמט דאס געלט אויף גלויבן אונ געציילט · נון ווען דער קנעכט קומט אונ ברענגט דאס געלט צום הערן · אונ דער הער פרעגט אים האסטו מיין בפעל געהאלטן האסטו דאס געלד איבר געזעהן אונ איבר געציילט ריכטיג · איז ווייסט דער קנעכט אים קיין תשובה צוא געבן אך לאזט אים דער הער בשטראפין דרום ווען גלייך דאס געלט זיך ריכטיג גיט בפינדעט · אזו אויך השם יתברך האט געבאטין מיר זאלן תורה לערנן איטליכר נאך זיין פאר שטאנד וואס אים מעגליך איז · נון ווען דר מענטש דאס ניט טוט · ווען ער גלייך פרום איז ווערט ער געשטראפט · ער האלט ניט דאס בפעל פון מלך · דרום מוז דער מענטש זעהן דאס ער ניט בחרפה ווערט זיין · ווען ער קומט פאר השם יתברך אונ מוז טראכטין אויף יום המיתה אונ ניט נאך קיין תענוגים וואס זיין הארץ גלוסט · אונ ניט בגערין וואס זיינע אויגין זעהן עס איז אלס פאר גענגליך אונ הכל הבל · אונ גהער תשובה צוא טאן פיט וואס פאר איין גליד דאס ער גזינדיגט האט זאל ער זעהן צוא פאר רעכטין · למשל ווען ער האט תמיד געוואוינט מיט זיינעם מויל לשון הרע ולצנות ודברים בטלים · זאל ער זעהן זיין מויל ווייטר צוא היטן אונ זאל ריידן אין דער תורה אונ ניט פאלש שווערן מיט גאט · וויא מען זעהן ווען אים איין צרה צוא קומט רופט ער השם יתברך אן אונ דער נאך פאר געסט ער ווידר דראן אויך זאל ער דאס מויל היטין קיין שקר צוא ריידן · דען איין שקרן איז ערגער וויא איין גנב דען איין גנב גנבית געלד · אונ דער שקרן גנבית דעם שכל מיט שקר ריידן וויא מיר דער פון געשריבן האבן דאס דר מענטש זאל קיין שקר ריידן :

מעשה שמואל איז אמאל איינר געקומן צוא איין חסיד ער זאל אים תשובה געבין ער האט גאר פיל עבירות געטאן · אבר ער זאל אים ניט מער אז איינר לייא אויף זעצין דאן וויל ער האלטין · אונ ווען ער אים פיל ערלייא ווערט אויף זעצין ווערט ער ניט האלטן · אזו האט ער אים תשובה געזעצט ער זאל אויף זיך מקבל זיין דאס ער וויל זיין לעבנס טאג קיין שקר זאל

זאגן . אז האט ער אויך זיך מקבל גוועזן בשבועה ער וויל אייביג קיין שקר ריידן . נון דער יצר הרע האט אים ווידר אן גרעט עבירות צוא טאן האט ער זיך גדאכט וויא זאל ער דיא עבירה טאן טאמיר וועט מיך מיין רבי פרעגן אוב איך האב דיא עבירה גטאן וועל איך זאגן יוא איך קאן עס ניט פאר ענפרין אזו איין רשע צוא זיין . וועל איך זאגן עס איז ניט וואר . זאג איך שקר האלט איך מיין שבועה ניט . אזו האט ער דיא עבירה ניט גטאן . מיט דעם האט ער זיך פאר מיטן אלי עבירות צוא טאן אונ איז איין גרוסר חסיד גווארין . אויך דאס מול זאל ער היטין פון חניפות צוא ריידן . ניט אלם אמייל דיא יענם חניפה טרייבן אונ שטעלין זיך אזו פרום אונ זיין דיעה איז יענם וויא צוא טאן . וועלכי הייסן טודים בוקערם ביז אן דער ערד אונ טומאה שטיק ביז אן הימל . פאר אזעלכי מוז מען זיך היטין גלייך אז איין פייל בוגן זייא קרומר דאס מען אים צילט אזו שטארק טוט דיא פייל טרעפין . דיא ספרי מוסר שרייבין פול דער פון . אמאל האבין צווייא גוואלט בייא איין פרומן מאן זיין טאכטיר . וואס האט דער מאן גטאן ער האט אן גשטעלט גלייך ער איין משפט האט מיט איינם אונ זייא האבן דיא צווייא גנומן צוא דיינם איינר האט אים גרוסן זכות גיזוכט אונ דר אנדרר האט אים מחייב גוועזן . אזו האט ער דיא טאכטר געגעבין דעם וועלכין וואס האט אים גוואלט מחייב זיין . ווייל ער האט קיין חנופה גטריבן . דאס גלייכן ווען ער האט גזינדיגט מיט זיינע אויגין ער האט אויף ווייבר גקוקט אונ איז דער דורך צוא איין עבירה גקומן . אונזרי חכמים האבן נאסרת אפילו נאך איינר פרוא צוא גיין . ליבר הינטר איין שלאנג אונ הינטר איין לייב צוא גיין אלם אונטר איין פרוא דען ער בקומט בייזי גדאנקין אונ האט איין קלייני שמחה אונ איין אייביג טרויארקייט אזו זאל ער זיינע אויגן ווייטר היטן אונ זאל זעהן אין דער תורה אונ אויף עניים אונ זאל זייא צדקה געבין בסתר . עס שטייט אין פסוק אם כסף תלוה את עמי את העני עמך איז גמיינט ווער איינם געלט לייט זאל מען ניט לייען בסתר . עס געהערן אנדרי וויסן דער פון דאס ער זאל עדים דרויף האבן . דרום שטייט את עמי איז טייטש מיין פאלקי דען מען זאל קיינם ניט לייאן ענטווידר מיט עדים אודר שטר חוב ווען ער גלייך דער גרעסטיר פיינר בריה אונ איין גרוסר עושר איז . אבר ווען מען גיבט איינעם צדקה דאס מוז פאר בארגן זיין דרום שטייט את העני עמך איז טייטש ווען דוא צדקה גיבסט מוז דער עני מיט דיר אליין זיין נוייטר קיינר דאס איז דיא בעסטי צדקה דאס גלייכן אלי גלידר וואס ער האט חוטא גוועזן זאל ער זעהן צו פאר ריכטן מיט דעם גליד . אונ קיין תשובה אפ צוא לאזן תיכף מיד מוז מען תשובה טאן דער מענטש איז איין רגע גיט זיכר פאר דעם טוט :

מעשה איין פאשע מיט זיין קנעכט זענין גריטן אונ גיזגן אין וואריש הייס

היסן טאג · נון עס איז גקומן מיטאג האט דער פאשע גוואלט עסין אונ האט ניט גוואלט אליין עסין אזו האט ער צום קנעכט גזאגט רוף מיר איינם דער מיט מיר מוט עסין · אזו האט דער קנעכט אום גזעהן אוף דעם פעלד האט ער גזעהן איין הירט דער בהמות גהיט · אזו האט ער דעם הירט גירופין אונ האט אים גבראכט פאר דעם פאשע · האט דער פאשע צוא דעם הירט גיזאגט מוא דיך אפ וואשין דוא זאלסט מיט מיר עסין · האט דער הירט געגפערט איך קאן ניט מיט דיר עסין · איך מוז איין אנדרין אוף ווארטין וועלכר בעסיר איז אלס מענטשין · האט דער פאשע גיפרעגט ווער איז דער זעלביגר דער בעסיר איז אלס איך · האט דער הירט געגטפערט דאס איז הקדוש ברוך הוא איך טוא היינט פאסטן · האט דער פאשי צום הירט גזאגט וויא טוסטו פאסטין אין אזו הייסין טאג · האט דער הירט געגפערט איך מוז פארט פאסטין אן דעם טאג אפילו ווען עס נאך ווארימר אונ הייסר איז אז דער היינטיגר טאג · דער זעלביגר איז דער יום המיתה · האט דער פאשי צוא אים גזאגט טוא מיר צוא גפאלין אונ עס היינט מיט מיר אונ האב מארגין תענית · האט דר הירט גזאגט אז אדוני פאשי זאל מיר ערב זיין אז איך וועל ביז מארגן לעבין · זאגט דר פאשי איך וויל דיר ניט ערב זיין · האט דר הירט געגפערט נון גהער אדוני פאשע זעלכי ווערק צוא טאן אונ טראכטין וואס ער יוא קאן טאן · אונ מיך ניט אן רידן זעלכי זאכין וואס ער ניט אין זיינר מאכט האט צוא טאן · אזו גהער דער מענטש אוך תיכף תשובה צוא טון · ווען גלייך דיא תשובה שווער אן קומט מוז ער גדענקין דעם טוט אונ דיא עונשים זענין טוזינט מאל שווערר · אונ איז איין רגע ניט זיכר · דרום זאל ער פאר ליב אן נעמן אונ בושה האבן ווענין זייני עבירות · עס שטייט ישעיה הנביא איז גגאנגן קעגין אחז המלך האט אחז המלך זיין בנים אונטר גשלאגין אונ האט בושה גהאט פאר ישעיהו דרום האט ער חלק עולם הבא גהאט · אוך גיהער ער לומדים מכבד צוא זיין · בפרט דיא היליגי תורה בכבוד צוא האלטין אוף קיין סעודה ניט צוא זינגין קדיש אודר זונסט תורה גיזאנג דען דרוף מוט דיא היליגע תורה איין זאק אן טון אונ קלאגט דרוף פאר השם יתברך · אוך זאל ער ניט זינגין ווען זיין כוונה איז ניט לשם שמים דען זינט אז דאס בית המקדש איז חרוב גווארין · איז אסור צוא זינגין נייארט לדבר מצוה · אוך זאל מען שבתות וימים טובים מכבד זיין אן ראש השנה ווערט איטליכין אוף גלייגט וויא פיל ער זאל האבין דאס יאר אום גינומן וואס דר מענטש אום גיבט אן שבתות וימים טובים אונ וואס ער אום גיבט אוף זייני קינדר צוא לערנין גיבט ער פיל אום גיבט אים השם יתברך פיל ווידר · אוך זאל מען ניט מרבה בסעודות זיין סיידין סעודת מצוה · אונ זיין כוונה זאל זיין לשם שמים ניט וויא אטייל אוף סעודות חאפין אונ וועלכם איז איין

גזל עס איז אמנהג גהינם ; אוף סעודת זאל מען זינגן לוב צוא השם יתברך קיין לצנות חלילה צוא טרייבן אונ ניט עסין אונ טרינקין אזו וויא איין בהמה . אויך איז אמנהג אוף ישובים ווען איין חתן קומט . קויפין אים יונגין גלילה אונ זעגין אים מצער מענכים מאל זאגין זייא עס איז איין יודישער מנהג זעלכם קאן ניט זיין רעכט . דער מנהג קומט פון פאר צייטין זענין אין קהלות בחורים גיוועזין האט מען גמאכט איין חתן טוז עפים געבין לבחורים דאס איז איר הספקה גיוועזין דער ווארטין זייא זאלין קענין לערנין אבער ניט געלד צוא נעמין אונ עסין אונ טרינקן . דרום ווער יראת שמים אין זיך האט זאל זעלכם ניט טון . דער כלל איז דער מענטש גיהער ניט צוא טאן וואס דער פון קאן קומין דאס ער האט חרטה אונ איז מחויב מקיים צוא זיין אלס וואס אים מעגליך איז מצות צוא טאן אונ לערנין צוא פאר שטיין טעמי מצות וואס מעגליך איז איז דער מענטש מחויב :

משל איין מלך דער האט אוס גטיילט זייד צוא זייני קנעכט זייא זאלין זיך מלבושים דרויס מאכין נון דער חכם האט זיך גמאכט דרייא ערלייא מלבושים . איין שלעכט קלייד אויס דער שלעכטי זייד . אונ איין גמיין קלייד אויס דער מיטלי זייד אונ איין קלייד אוס דיא פייני זייד . דער אנדריר האט זיך גמאכט איין שלעכט קלייד אונ איין מיטל קלייד אונ האט דיא גוטי זייד פאר קופט . דער דריטר האט זיך גמאכט איין שלעכט קלייד אוס דיא מיטל זייד אונ האט דיא גוטי פאר קופט אונ האט געגעסין אונ גיזאפין . דער פירדר האט זיך גאר קיין מלבוש גימאכט ער האט אלס פאר בראכט . נון דער מלך לאז זיא מיט אנגדר פאדערין . דער חכם דער אלי זייד צוא ניצן האט גימאכט אונ האט זיך דרייא ערלייא מלבושים גמאכט דער האט גרוס חשיבות אונ כבוד איין גנומן אונ צוא גדולה גקומן . איבר דעם אנדרין איז דער מלך ברוגז גווארין אונ האט אים גשטראפט . אונ דער דריטר איז נאך הארטר גשטראפט גיווארין . דער פירדר האט דער מלך זיין טאג ניט דארפין אונטר זיין פנים קומן אונ דער צוא שטארק גשטראפט גווארין . אזו אויך דער מלך דאס איז מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא דיא קנעכט דאס זענין דיא ישראל וואס גלייבן אן וואהרן גאט . דאס זייד צוא דיא מלבושים וואס דער מלך האט גטיילט דאס איז דיא ליבי תורה דער דורך בקומן מיר מלבושים צוא דער נשמה לעולם הבא . נון דיא תורה איז גטיילט צוא דרייא חלקים וואס דער פון דער מענטש מוז זיך מ זכן מלבושים . איין חלק איז ווער דא לערינט דיא תורה אונ לערינט צוא פאר שטיין וואס מיגליך איז איטליכר נאך זיינם פאר שטאנד נאך דער בקומט איין פיין מלבוש צוא דער נשמה לעולם הבא . דאס אנדרי חלק איז אלי דיא מצות צוא האלטין

וויא

וויא אין דער תּוֹרָה שְׁטֵייט וואס מְגַלֶּה איז דער בַּקוּמְט דער דוּרך איין מַלְבּוּשׁ אָבֶּר עֶס איז נִיט אַזוֹ חָשׁוּב אַז דָאס עֶרְשְׁטִי · דָאס דְרִיטֶע חֵלֶק איז אין דער תּוֹרָה שְׁטֵייט פִיל מַעֲשִׂיוֹת עֶס איז קיין מַעֲשֶׂה אום זוּנְסְט אָן גִישְׁרִיבִּין אוֹיס אִיטְלִיכֶר מַעֲשֶׂה קוּמְט גְרוֹס מוּסָר אוּנ יִרְאַת שָׁמַיִם נוּן וֶוען דער מֶענְטְשׁ טוּט לֶערְנִין דִיא מַעֲשִׂיוֹת אוּנ טוּט פַאר שְׁטֵיין אוּנ איז מְקַיֵּים דָאס מוּסָר וָואס אַרוֹס קוּמְט דֶער דוּרך בַּקוּמְט עֶר אוֹיך איין מַלְבּוּשׁ צוּא דֶער נְשָׁמָה · אוּנ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט זִיךְ אַלִי דְרַייא מַלְבּוּשִׁים עֶר לֶערִינְט אוּנ פַאר שְׁטֵייט אוּנ איז מְקַיֵּים אַלֶס וָואס מְגַלֶּה איז דֶער הָאט דְרַייא אֶרְלֵייא מַלְבּוּשִׁים לְעוֹלָם הַבָּא אוּנ איז זוֹכֶה דִיא הֶעכְסְטִי מַעֲלָה אָבֶּר וֶוער עֶס נִיט טוּט דֶער מוּז זַיין עוֹנֶשׁ לַיידֶן דֶען עֶר קוּמְט דֶעם מֶלֶךְ זַיין בַּפֶעהְל נִיט נָאךְ אוּנ קָאן נִיט זוֹכֶה זַיין צוּא דֶער הוֹכִי מַעֲלָה וויא יֶענֶר איז זוֹכֶה · אוּנ וִויל פַאר שְׁווַייגִין וֶוער קיין תּוֹרָה לֶערִינְט אוּנ הַאלְט קיין מִצְוֹת נִיט וֶוען עֶר לֶערִינְט שׁוֹן דִיא מַעֲשִׂיוֹת אִין דֶער תּוֹרָה לֵייגְט עֶר אוֹיף אַפִּיקוֹרְסִים אוֹיס אוּנ זִיכְט זִיךְ הֵיתֵּרִים דֶער דוּרך בְּלַייבְּט עֶר גָאר נַאקִיט לְעוֹלָם הַבָּא עֶר הָאט זִיךְ נִיט מִיט וָואס צוּא בַּדֶעקֶן דֶער קוּמְט לִשְׁאוֹל תַּחְתִּיָּה אוּנ דַארְף דֶעם מֶלֶךְ נִישְׁט פַאר זַיין פָּנִים קוּמֶן עֶר איז נִיט זוֹכֶה רוֹאֶה פְּנֵי שְׁכִינָה צוּא וְעהֶן דֶען דִיא דְרַייא אֶרְלֵייא מַלְבּוּשִׁים מוּזִין בַּייא אַנַאנְדֶער זַיין · וֶוער הַאלְט אֵיינֶם נִיט דֶעם וֶוערְט זַיין אַנְדֶער קְלֵייד בַּאלְד צוּא רִיסֶן · וֶוען עֶר איז אֵיין לַמְדָן אוּנ קיין יְרֵא שָׁמַיִם איז עֶר נִיט קָאן עֶר דָאךְ נִיט זוֹכֶה זַיין לְעוֹלָם הַבָּא צוּא אֵיין גְרוֹסֶר מַעֲלָה אוּנ מוּז עוֹנְשִׁים קָשִׁים לַיידִין · דָאס מָשָׁל זָאל אִיטְלִיכֶר וואוֹל אִין אַכְט נֶעמֶן צוּא פַאר שְׁטַיין אוּנ גוּט וואוֹל בַּדֶענְקִין אוּנ תְּשׁוּבָה צוּא טָאן בְּאַהֲבָה דֶען קָאן עֶר קוּמֶן צוּא אַלִי מַלְבּוּשִׁים דֶען דֶער תְּשׁוּבָה טוּט בְּאַהֲבָה דָאס עֶר הָאט גָאט לִיבּ אוּנ נִיט פוּן מוֹרָא וֶועגִין · דֶעם איז זַיין מַעֲלָה בֶּעסִיר אַלֶס אֵיין צַדִּיק דֶען אוּם זַיינִי עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גִטָאן וֶוערִין זְכוּיוֹת דְרוֹס אוּנ וֶוערִין אוֹיךְ גֶערֶעכִינְט פַאר מִצְוֹת · אָבֶּר וֶוער תְּשׁוּבָה טוּט וֶועגִין מוֹרָא דֶעם וֶוערִין וואוֹל זַיינִי עֲבֵירוֹת נִיט מֶער גִדַאכְט אָבֶּר עֶס וֶוערִין קיין מִצְוֹת דְרוֹס דָאךְ וֶוען עֶר וַוייטֶר אַלֶס איז מְקַיֵּים אַזוֹ איז עֶר זוֹכֶה צוּא דִיא מַעֲלָה וויא אֵיין צַדִּיק · דָאס איז דֶער תַּכְלִית פוּן דֶעם עוֹלָם גָאט לִיבּ צוּא הָאבִּין · דֶען עֶס איז קיין לִיבְּשַׁאפְט אִיבֶּר דִיא לִיבְּשַׁאפְט פוּן גָאט בָּרוּךְ הוּא עֶס איז קיין שֶׁענִיר קְרוֹין אַלְס דִיא דֶעמִיטִיקֵייט · עֶס איז קיין גְרֶעסֶערִישׁ נִישְׁט אִיבֶּר דֶעם דֶער אֵיין שֵׁם טוֹב הִינְטֶער זִיךְ לָאזְט · עֶס איז קיין לַייט זֶעלִיגְקֵייט אִיבֶּר דֶעם דֶער דִיא תּוֹרָה וּמִצְוֹת איז מְקַיֵּים · עֶס איז קיין חָכְמָה אִיבֶּר חָכְמַת הַתּוֹרָה · עֶס איז קיין שִׂמְחָה אִיבֶּר דִיא שִׂמְחָה פוּן אֵיין מִצְוָה · עֶס איז קיין שֶׁענֶערִי מִדָּה אַז דִיא בּוּשָׁה · עֶס איז קיין בֶּעסֶירִיר וֶועג אַז דֶער גְמִילוּת חֶסֶד

נאך

נאך גייט . עס איז נישט ארגיר וויא מחלוקת ׳ עס איז נישט אזו בייז
אלס בייזע צונג . עס איז פאר נישט אזו צוא היטן אלס פאר שקר רעדין׳
עס ווערין קיינע דברים בטלים גרעט וויא ניט עבירות דער ביא זעגין .
עס איז ניט פאר האנדין ווען עס הארצים ביא אנגדר זיצין אלס ניט
זעלט גשפעט גרעט ווערין . עס איז קיין קלות ראש וואס ניט זנות דער
הינטר שטעקט . עס איז קיין מחלוקת וואס ניט מוטוויליג עבירות
גישעהן . עס איז קיין גדאנקן אוף עבירות וואס ניט חלול השם דער
ביא איז . עס איז קיין זאך אזו בייז אלס נבול פה . עס איז קיין גרעסר
מיטוויל אלס דער גיוויינטליך איז צוא שווערין . עס איז ניט קיין רשע
איבר דעם דער עין הרע האט ׳ עס איז קיין גרעסריר שונא וויא דער
יצר הרע . עס איז קיין פיינטשאפט איבר דיא גלוסטיקייט ׳ עס איז
קיין גרעסריר ליב האביר וויא דער יצר טוב איז ׳ עס גייט נישט איבר
איין גוט הארץ . עס גייט קיין קרבן איבר איין צוא בראכן הארץ . עס
איז קיין פארכט איבר דיא פארכט פאר השם יתברך . עס איז קיין
גרעסירר פריינדשאפט וויא דער זיין חבר שטראפט צוא גוטן . עס איז
קיין ווארהאפטיקייט איבר דעם דער ווער האפטיג איז מיט גאט אין פאר
בארגניש . עס איז קיין דינסט איבר גאטס דינסט . עס איז קיין
גשיקטיקייט איבר דיא גדעבניש צוא גאט . עס איז נישט שטארקערי
אלס דער יוגענט אן פרום איז . עס איז קיין בעסערין ריוח אלס מצות
מקיים צוא זיין . עס איז קיין בעסרי חברותה אלס צוא תלמידי חכמים .
עס איז קיין שרעקין איבר דעם שרעקין ווען זאל חשבון געבין פאר השם
יתברך . עס איז קיין גרעסרי יסורים אלס יסורים לעולם הבא אוף זייני
עבירות . עס איז נישט וואס מען נעמט מיט אז מעשים טובים . עס
איז קיין בעסרין לאן אלס דעם לאן אוף דיא מצות . עס גייט קיין טראכטן
אלס צוא טראכטין אין דער תורה . עס איז אוף נישט צוא זארגין אז
אוף זייני עבירות . עס איז קיין בעסיר צוא הערין אז מוסר צוא הערין .
עס איז קיין איבליר זעהן אלס צוא זעהן אוף ווייבר . עס גייט קיין רייד
איבר דיא רייד אין דער תורה . עס איז קיין גרעסירי מציאה אז דיא צייט
וואס דער מענטש לעבט דאס ער טוט תשובה . עס איז קיין גרעסירר
עונש אלס דער בניגן טוט זיך . עס איז קיין גרעסרר גבור אלס דער דעם
יצר הרע בצווינגט . עס איז נישט בעסר צוא גירעגקין אז אן דעם טוט .
עס איז קיין בעסרי סחורה אז תורה . עס ברענגט נישט צוא עבירות אז
רוגז . עס איז נישט בעסירס צוא דיא חכמה אלס שווייגין . עס איז קיין
פאר זיכרונג אז אוף גאט . עס איז קיין גאב איבר דיא גאב פון השם
יתברך . עס איז נישט ביטר אלס איין בייזי פרוא . עס איז נישט בעסרס
אז לימוד התורה . עס איז קיין גרעסרי קרענק אלס דער פיל עבירות

טוט

טוט · עס איז קיין בעסרי רפואה אלס תשובה · דרום נעמט וואול איין אכט מוסר · אונ צום הארצין געמין תשובה טאן דען בזכות התשובה קומט דיא גאולה · זאלטן ישראל תשובה טאן וועד שון לאנג משיח גקומן · מיר זענן מעכב דיא גאולה דורך אונזרי עבירות מיר גדענקן אונזר גלות ניט · אין בית המקדש זענין כל ישראל גאנגין ענג גשטאנין אונ ווען זייא זיך גבוקט האבן זענין זייא וויט גוועזין · דאס איז איין רמז ווען גלייך איינם ענג איז וועגין זייני עבירות ווען ער בוקט זיך אונ מאכט זיך אונטר טעניג צוא גאט אונ טוט תשובה ווערט אים ווייט · אזו אויך ווען ישראל תשובה טוהען · ווען שון זייא ענג איז אין עבירות ווערט זיא גרוס דורך דיא תשובה · ובא לציון גואל אמן :

עד הנה ביז אצונד האב איך גשריבן עטוואס מתעורר צוא זיין אונ וויזין כי ישרים ד' כי יי דאס גאטס וועגין זענין גרעכט צדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם וועלכיר איז איין צדיק אונ איין נשמה טהורה האט אין זיך וועט מודה על האמת זיין איך שרייב קיין דבר חדש נייארט אלס אונזרי היילגי תורה אונ וועד עס טוט זיך נבדענקין דען עס בטרעפט אים זעלבסט אונ וועד השם יתברך זיין כבוד אין אכט נעמט אונ שטארקט זיך פון גרונד דאס הארץ מיט גוואלד אוים צוא רייסין פון תענוגי עולם הזה אונ תשובה צוא טון וואס אים מעגליך איז מיט אלי זייניר מאכט ·
אבר וועלכיר איין פושע איז אונ וועט ניט וועלין דער קענין דעם אמת דער ווייל ער פון זיך זעלבסט אזו איז אוס גוואקסין ער האט זיין טאג קיין ליכט גזעהן אונ איז אלץ אין דער פינצטר גגאנגין · דעם איז ניט צוא העלפין דער איז כופר בכל התורה כולה אוף דעם איז איטליכר מחויב צוא בעטין גאט זאל מהפך לבבו זיין הויר בתשובה צוא זיין · שלמה המלך האט דיא רשעים אלץ גהייסין כסילים דאס איז טייטש נארין אזוי וויא איין שוטה ער זעהט דיא גאנצי וועלט זענין חכמים מיינט ער ביא זיך ער איז איין חכם · אזו אויך דער רשע זעהט אלי זענין פרום אונ דינן השם יתברך מיינט ער כל העולם זענין נארין אונ ער איז איין חכם · אזו וויא איין שוטה איז שווער קלוג צוא מאכין אזו איז שווער דעם גרוסין רשע פרום צוא מאכין · דרום איז איטליכר מחויב צוא בעטין השם יתברך זאל איטליכין העלפין צוא שטארקין תשובה דען מיט תפלה קאן יוא עפיס פועל זיין פילייכט וועט ער זיך בדענקין לתשובה · נון ליבי ברידר זעלבי איז דאך מיין גרוס וואונדר אז דיא גאנצי תורה ונביאים אונ אלי ספרים ניט דעם מענטשין זיין הארץ דער וועקין קענין אז דער מענטש פון גרונד זיין הארץ זאל גאט דינין אונ דער מענטש טראכט אלץ אוף דער וועלט וואס נישט מעהר גווערט לפי שעה אונ ער ווייסט ער מוז שטארבין · עס איז הבל הבל דאך

לאוט

שום ער שטיין אין העלט וואס אייביגליך געהערט דאך איז דאס הארץ
פאר שטאפט · דרום וויל איך שרייבן דעם רעכטן גרונד וואס ארץ
פאר ארזאכט וואס אלי מענטשין בקענין מגין אז דאס איז גווים · ווען
דער ווארציל גיט גוט איז אזו פאר דארט דער בוים באלד · אדער ווען
מען איין הויז בואט אונ לייגט ניט אגוטין גרונד אזוא פאלט דאס הויז
באלד איין · עס קאן קיין בשטאנד האבין · אזו אוך ווייל דער מענטש
דעם גרונד ניט רעכט לייגין טוט ווען מאן אונ ווייב זענין ניט נוהג
בקדושה אונ ווייל דיא פרוא טראגט אונ זיא פאר האלט ניט וויא עס
גביהרט · זעלט זעלכים גשעהן וויא דיא תורה האבין וויל זאלט דיא
וועלט פעסיר גשטעלט זיין אונ זעלט נשמות קדושות גנומן זיין אונ דיא
קינדר גאטס פארכטיג זיין · וואול צוא אייך אוף דער וועלט אונ אוף
יענר וועלט ווען איר מיין רייד אין אכט געמין טוט אונ אין אייער זין
פאסין טוט ווארין זייא זענין לוטר ווארהאפטיגע רייד · דרום וויל איך
שרייבן וויא זיך מאן אונ ווייב זאלין זיך נוהג זיין דען דאס איז קיין חרפה
ווען בצניעות גיבט אונ מאן אונ ווייב איז איר כוונה לשם שמים מען
מוז גאטס פארכטיגי גידאנקין האבין דען נאך דיא גידאנקין גראט דאס
קינד · עס איז גוועזין איין העור אונ איין פרויא דיא זענין ביידי מורין
גוועזין · אונ דיא מורין זענין שווארצי לייט · אונ דיא פרוא האט איין
זון גווינין דער זעלביגער איז גאנץ וויים גיוועזין · האט דער העור גזאגט איך
בין שווארץ דיא פרוא איז שווארץ וויא קומט דאס ווייסי קינד אהער
דאס קינד איז ניט פון מיר אונ האט זיא גוואלט לאזין אום ברענגין ·
האט רבי עקיבא צוא דעם העור גזאגט אדוני אלי קינדר גראטין נאך
דיא גדאנקין וואס דער מענטש האט דער העור האט געווים ווייסי בילדר
שטיין אין אייער חדר · אונ דיא פרוא אירי גידאנקין אוף דיא בילדר האט
גהאט דרום איז דאס וויים · האט ער מודה על האמת גוועזין צוא רבי
עקיבא אונ האט דיא פרוא גילאזט לעבין · עס שטייט פאר צייטן בשעת
החרבן האבין דיא שונאים גנומין קינדר פון ישראל דיא זענין גוועזין
זייער שיין · אונ האבין זייא אן איר בעט אן גבונדין · האבין זייא אוף
דיא קינדר געהין אונ איר גידאנקין אוף זייא גהאט כדי זאלין שייני קינדר
האבין · עס שטייט אין דער תורה וויא יעקב אבינו האט גימאכט
גיפארבטי שטעקין אונ האט זייא ביא דעם וואסיר גישטעלט ווען דיא
שאף זענין טרינקין גיגאנגין זענין זייא דער שראקין אונ האבין דיא
גיפארבטי שטעקין אין אירין זין גפאסט אונ האבין שאף גיווינין דיא
גיפלעקילט אונ בונט זענין גיוועזין · עס שטייט רבי יוחנן האט זיך גיזעצט
אוף דער טיר פון דער מקוה דען רבי יוחנן איז איין שיינר מאן גיוועזין
אונ איין תלמיד חכם אונ איין גרויסר צדיק האט ער גזאגט ווען דיא

נייבר אוס דער מקוה גיין זאלין זיא זיך אן טרעפין אז אויף מיר איהרי גראנקין האבין וועלין זיא זאלכי קינדר האבין וויא איך בין . אזעלכים האבין תלמידי חכמים פאר צייטין מער גיטאן דען זעלכי זאכין איז נישט אסור ווייל דיא כוונה איז לשם שמים . אין אטייל קהילות זענין זיך נשים נוהג ווען זיא אוס דער מקוה גייאן לאזן זיא זיך קומין איין קינד אקעגין וועלכם וואול לערינט :

דער וויין שמעקט נאך דעם פאס . עס ווערט קיין גוטר פעלץ גימאכט אוס שלעכטי האר אונטר טווינד גראט אקינד וויא פאטיר אונ מוטר ווען זיא זיך ניט בצניעות האלטין קינדר גראטין נאך פאטר אונ מוטרס טבע . זענין זיא רגזנים זענין דיא קינדר אויך רגזנים זענין זיא גאוותנים זענין דיא קינדר אויך גאוותנים . מיר ווייסין ניט וועלכיר איין צדיק איז גיהער דער פאטר פיל העכר צוא אבר אן דער מוטר איז פיהל מער גילעגין היא אן דעם פאטר דען זיא טראגט דאס קינד אין זיך עס שטייט אין פרוא דיא האלט זיך ניט בצניעות חאמשי זיא האט אמאן אצדיק אזוי וויא אהרן הכהן איז גיוועזין גיווינט זיא פארט בייזי קינדר וויא איר גאמער איז . פאר צייטן איז דער מנהג גיוועזין אין רעגענסבורג ווען איין למדן אודר איין זקן איבר דער גאס גינאנגין זענין דיא ווייבר אונ קינדר פון דער גאס גינאנגין זאלכם טון ווייבר איצט ניט אין אכט נעמין אונ שטעלן זיך נאך מיט פרעמדי מאנין ריידין אויף דער גאס אין אירי שייני קליידר וואס דורך דעם קומין עבירות איז שון אוכן גישטאנין וויא זאלין זאלכי קינדר פון אזו איינר פרוא גוט גראטין . אויך גיפונין זיך פיל ווייבר וואס זייא גייאן אין פרעמדי הייזר אונ האבין קיין שומר מיט זיך . ווען זעלכי ווייבר מעוברת זענין וויא זאל דאס קינד גראטין . דאס ליצנות אונ ניבול פה וואס ווערט גרעט ברענגין גרענקין צוא איז שון שעדליך צוא דעם קינד . אונזערי חכמים איהרי רייד זענין קלוג לויטר נבואה אונ רוח הקודש גיוועזין . עס שטייט וויא קומט עס איז בעונותינו הרבים ווייניג לומדים פאר האנדין ווייל דער עולם לומר שדוכים טון מיט עם הארצים פון געלדס וועגין אונ ניט לשם שמים . אונזערי חכמים זאגין דער מענטש זאל אלדינג פאר קופין אונ ער זאל געבן איין למדינס טאכטר אודר אלמדינס זון וואס ער לערינט גוט בפרט ווען ער אמיוחס איז . אצונד בעונותינו הרבים זאגט דער עולם דער יחוס ליגט אויף דעם קברות ווען נאר געלד איז דא . אונ ער פאר שטייט אבר אליין זיין מכה ניט ווארין דאס איז אלין הבל נאר ווען דער מענטש דיא וועלט אין יראת שמים פאר ברענגט . אויך בגערט קיינר קיין למדן איין צוא זעצין אחד מאלף אונ דיא תורה איז דאך בעסר אלס כל ממון שבעולם . נון פון וואגין זאלין דיא לומדים אונ צדיקים ארום שפרצין . וואס בעסר דער

מענטש

מענטש זייט דאס פעלד בעסר טוט דיא תבואה גראטין · אזו אויך זאל מען זיך זעהן אגוט ווייב צוא נעמין · עס שטייט אין דער תורה ארור שוכב עם בהמה דאס מיינט מען ווען דער מאן בייא דער פרוא ליגט אזו זויא אבהמה אירי תענוגים צוא פאר ברענגין אונ זענין זיך ניט נוהג בקדושה ובטהרה זייא זענין גלייך וויא אבהמה וואס האט קיין בושה ניט אזו האבין זייא אויך קיין בושה פאר השם יתברך מלא כל הארץ כבודו· עס שטייט בת שבע האט איהר זון שלמה המלך אלי טאג גישטראפט ווייל זיא האט אים געזעהן תענוגים נאך גיין אונ האט צוא אים גזאגט דיין פאטער דוד המלך איז אצדיק גיוועזין אונ דוא וועסט שלעכט זיין וועלין דיא לייט זאגין איך בין אויך ניט פרום דען נאך פאטער אונ מוטער גיראט דאס קינד · עס שטייט אין פסוק שקר החן והבל היופי דאס איז טייטש דיא שיינקייט איז נאר הבל דער מענטש זאל ניט נעמין איין פרויא פון שיינקייט וועגין אדער פון געלטס וועגין דאס איז לוטר הבל נייארט ער זאל זעהן נאך מעשים טובים אונ בת תלמיד חכם אונ זאל זעהן צוא אירי ברידער לומדים זענין דען דיא מייסטין קינדר גיראטין נאך דער מוטרס ברודר משה רבינו האט פון יתרו דיא טאכטיר גינומין האט ער איין אייניקיל גיהאט יונתן דער איז ארשע גיוועזין· אהרן האט דיא טאכטער פון עמינדב אונ נחשון איז איר ברודר גיוועזין האט ער גיהאט אזוהן פנחס . אפילו חתונה צוא מאכין האבין אונזרי חכמים גיזאגט מען זאל חתונה מאכין אבתולה אום מיטוואך אונ איין אלמנה אום דאנרשטיג ווייל דאנרשטיג אונ פרייטיג שטייט ברכה אין מעשה בראשית איין ברכה צוא דגים אונ ברכה צוא מענטשין אין אזו אטאג וואס ברכה דער בייא שטייט אויך תחלת החודש מאכט מען לרוב חתונות ווייל דיא לבנה וואקסט אלי טאג גרעסר . דר כלל איז איבר דעם האבין דיא חכמים אלין גישטעלט אויף יראת שמים אז דיא קינדר זאלין וואול גיראטין · דרום מוזין חתן אונ כלה פאסטין אום חופה טאג אונ תשובה טאן אויף איהרי עבירות . וואס פרימר זייא דעם זעלביגין טאג זענין איז בעסר ניט חלילה איין עבירה צוא טאן אום חופה טאג מכל שכן ווייטר דען השם יתברך איז מוחל אירי עבירות דרום מוזין זייא תשובה טון אונ השם יתברך ניט צוא נארין . אונ טוזן זעהן דעם יצר הרע צוא באצווינגין אונ ווייטר אין אכט צוא נעמין וועלין זייא קינדר האבן . אונ מוזין בשלום מיט אננדר לעבין דען אז מאן אונ ווייב קריגין זיך מיט אננדר איז קיין ברכה אן זייא אונ אן אירי קינדר . עס שטייט אין ספר חסידים איינר האט אווייב גינומין זיא האט פיל געלד גיהאט אונ איז קיין מיוחסת גיוועזין אונ זיא האט מיט אים גיט צום בעסטין גלעבט האט ער גימאכט צוויא ברכות ברוך הטוב והמטיב אונ ברוך דיין אמת . דיא גמרא זאגט דער מענטש זאל זיך ניט חבירים גיווינין אין זיין הויז אריין טאמר וועט

די

דיא פרוא גידאנקין אויף זייא האבן דרום מה' זיך אין אשה זייער היטן מיט מאגין צוא ריידין פון דעם האבין מיר שון אובן גירעט · אויך זאל דער מאן דיא פרוא ניט געוויינין פיל וויין טרינקין דאס זיא שכור ווערט . דאס האבין אונזרי חכמים אליץ גישטעלט פון דיא קינדערם וועגין זייא אלי ביידי זאלין זיך בצניעות ובקדושה האלטין דאס דיא קינדער זאלין גוט גראטין · עס זענין פיל אנשי מעשה דעם מאג וואס דיא פרוא טבילה גייט זענין זייא זיך אויך טובל פון תשובה וועגן כדי דאס קינד זאל גראטין · עס שטייט אין פסוק וידע אדם את אשתו דאס ווארט וידע איז טייטש וויסן שאפט מיט שכל דען איר כוונה איז גיוועזין לשם שמים מקיים צוא זיין פריה ורביה · אונ דיא פרוא אבער מוז איר כוונה אויך זיין לשם שמים וויא אונזר מוטר לאה וואס איר כוונה איז גיוועזין לשם שמים האט השם יתברך איר אזון גיגעבין יששכר . אויך ווען זיין כוונה איז ער זאל ניט גלוסטין צוא פרעמדי · אבער בעסר ווער ער זעלט זיין תאוה צווינגין אונ זאל זיך בערענקין אז דער מענטש איז הכל הבל אונ מוז חשבון געבין צוא השם יתברך אבר ווען דער מענטש ניט נייטיג האט אונ מאכט זיך לוסט כדי תענוגים צוא פאר ברענגין דער זעלביגער איז מנודה לשמים וויא אזו זאלן גוטע קינדער ארוס קומן דען אזו איז דער יצר הרע ערשט רייצט ער אים אן צוא פרעמדי ווייבר וויא מער דער מענטש דיא תאוה גייט נאך אזו מער גלוסט אים דאס איז אגרוסי עבירה אונ טוט זיך גאר וויא דער מיט · דיא חכמי הרופאים שרייבין איינר שטארבט פון קרענק אונ מווינר שטארבין פון וועגין פיל תשמיש ווער זעלכם נאך גייט דער ווערט באלד אלט ער פאר לירט זייני קרעפטין זייני אויגן ווערין אים טונקיל ער בקומט אשטינקידיגן אטום ער בקומט ווייאטאג אונ זונסט פיל חולשות דער צוא . ממילא איז ער גשלאגין אויף דער וועלט אונ אויף יענער וועלט סייא אפרויא סייא אמאן . דרום ווען מאן אונ ווייב זענין זיך נוהג בצניעות בשעת תשמיש האבין זייא גוטי קינדער . אזו וויא דיא זיך נוהג זענין בפריצות האבין זייא שלעכטי קינדער . אלי אונזרי אבות וצדיקים זענין גיקומן מתשמיש צניעות וקדושה . אמאל איז אחסיד גיוועזין ער האט איין הינקדיגי פרוא גיהאט ער ניט גיוויסט ביז נאך איר טוט . אזוא גרוסי צנועים זענין זייא גיוועזין . דרום מוז יעדער אין אלי זאכין זייער בצניעות זיין :

---

# איין שיין התעוררות

מיוסר ע"פ א"ב בכל ראשי חרוזה :

איא מענטש איא מענטש וואס דענקסט דוא דיר . דוא לופסט דוא שענסט וואס זאל עס דיר . אום גירעכט איז דער טוט הינטער דיר ·

דיין געלט און הייזר און גילדני קייטן · קענין דיר ניט העלפין אום דייני
נוטין · ווען דער מלאך המות קומט און וויל דיך טייטין :

בייא צייט בייא צייט טוא דיך בעזינן · וויא מער דוא מראכסט געלד
צוא גווינן · וויא מער עבירות בייא דיר זיך טון שפינן · גאט טוא
דינן · און געמין פאר ליב מיט זאלץ און ברוט · דען עס קאן דיר קיינר
העלפין אום דיינר נוט · ווען עס קומט חלילה דער ביטרער טוט :

גדענק גדענק ווען דער מלאך המות טוט דער שרעקין · וויא ווייא טוט
זיך דער ווענקין · ווען מען אים זעהט שטיין אין אלי עקען · דעם
טוט שוויים מוז ער שוויצין · און קענין אים ניט העלפין אלי דיא בייא
אים זיצן · זיין האב און גוט קאנין אים ניט טון ניצן :

דרייא טראפין גאל טוט ער אים איינטינקין · וויא טוט ער דאס זעלבגי
מאל גדענקין · האט איך מיך צוא נאטס גיבאט טון לענקין · וואס
האב איך פון מיין איבר מיט · וואס קאן מיר העלפין געלד און גוט ; ביי
אלים בין איך ניט בארוהט :

הענד און פוס טוט מען איהם אוס שטרעקין · מען טוט אים אוף דער
ערד לייגין און מיט שווארצין בדעקין · וויא טוט זאלכעס אזו איבל
שמעקין · וואס העלפט נון אוף דער וועלט אלי פריידען · ווען מען זאלכן
צו שטאנד מוז לייחן · און פון געלד און גוט ווייב און קינדר מוז מען
זיך אפ שיידין :

וואס העלפט אים זיינע וואול טאגען · מען טוט אים אוף דעם קברות
טראגין · ווייב און קינד טון ויינין און קלאגין · וואס ער האט זיך
פון דער ווערבין · מוז ער לאזין צוא זיינע ערבען · און אוף זיינע אוגין
טוט מען לייגין צווייא שערבין :

זייער און זייער נעם דיר אין אכט · גאט צוא דינן זייא וואול בעדאכט ·
דער וייל דוא האסט נאך קראפט און מאכט · גידענק אן דער
פינסטרי גרוב פון פיער איילין · און דיא ווערים זיין ניט צוא ציילין ·
צווישן זייא מוז ער זיך מאטרין און קוויילין :

חיבוט הקבר מוזט מען אוס שטיין · און ביטרע יסורים נאך מיין · ווען
דיא מלאכי חבלה קומן צוא גיין · זיין פלייש פון לייב טואן זייא
אים אפ שיידין · דען איינר טוט צוקין דער אנדרר טוט בייסן · אוף פיל
שטיק טוען זייא אים צוא רייסין :

טראכטין און זארגין מוא דרוף וייל דוא ביזט בייא לעבן · אוף אלי
דיינע ווערק מוזט דוא גאט חשבון געבין · לאנגע צייט מוז דר
רשע איין רוח זיין און מוז אין דער וועלט ארום שוועבין · דער נאך
קומט ער ערשט אין גיהנם אריין · דארטין מוז ער ליידין גרוסע פיין ·
דיא ניט שטארקער קענין זיין :

זאמער אלז נוט טוט ער טרייבין · דיא פילע עונשים זענין ניט צוא
באשרייבין

טוּא דִיךְ נִיט פוּן אִים אַוֶועק אַיילְן · פַאר גֶעם רֶעכְט זַיין וֶוייגְן אוּנ
הַיילְן · וָואס גָאט דִיר בַּשֶׁערְט טוּא מִיט אִים טֵיילְן :

עֶס אוּנ · טְרִינְק אוּנ וַואשׁ רֶעכְט דַייְנִי הֶענְד · אוּנ בְּרָכָה עַל נְטִילַת יָדַיִם
וּבִרְכַּת הַמּוֹצִיא מַאךְ בְּהֶענְד · נֶעם פַאר לִיבּ דֶען עֶס נֶעמְט אַלְץ
אֵיין עֶנְד · בֶּענְטְשְׁן טוּא מִיט גְרוֹסֶר כַּוָּונָה · אוֹף אֵיין מֶענְטְשְׁן הָאבּ
קֵיין בִּטָּחוֹן אוֹדֶר אֵיין אֱמוּנָה · נַייאֶרְט צוּא גָאט אִין זַיינֶר גְוַואלְט אִיז
דַיין נְשָׁמָה :

גְדָה חַלָּה הַדְלָקָה טוּא רֶעכְט בֶּוָוארִין · פְלֵייש זָאלְץ אַז אֵיין רֵייף טוּא
קֵיין זַאלְץ שְׁפָּארִין · וֶוער זָאגְט מֶען דַארְף נִיט זַאלְצִין צוּא פִיל
זָאלְכֶס הֵיידִין נָארִין · פָאטֶר אוּנ מוּטֶער טוּא רֶעכְט הֶערִין · דָאס מֵיינְסְטֶ
פוּן דֶעם דֵייגִי זָאלְסְטוּ אִין מִצְוֹת פַאר צֶערִין · צוּא לָאזִין לֶערְנִין תּוֹרָה
אוּנ צְדָקָה גֶעבִּין אָרֶמִי לַייט צוּא דֶער נֶערִין :

סליק ספר שמחת הנפש . בעזר האל אשר שבת וינפש

## דער אינהאלט פון דעם ספר!

ערשטינס וועט איר דרינין געפינין רפואות צוא דיא דאגות ; דאס ווער פול איז
מיט דאגות וואס שעדליך איז צוא אזר נשמה . ווער דאס וועט לייני
דיא רפואה וועט זיך זיין זארג פון אים אפ טאהן :
צווייטינס וועט איר גפינין גרוסי נחמות זייא ווייזין דעם מענטש אז ער דארף
זיך אויף קיין שום זאך נישט מצער זיין ווארין אלדינג וואס קומט אוף
דעם מענטש איז פון גאט צו גטיילט לטובה · אונ בעסיר איז ווער יסורים אוף דער
וועלט האט :
דריטענס וועט איר גפינין גרויסע וויסינשאפט אונ ראיות וויא דיא נשמה בייא
דעם מענטש איז באשאפין גיווארין גאט צוא דינין , דאס איז
יעדין באקאנט :
פירטענס וועט איר אין דעם ספר גיפינגען גרויס מוסר ותוכחה , ראיות אונ
משלים אונ מעשיות גרויסע חדושים : דאס איטליכער ווער איין בעל
אמונה הייסט וועט דעם אמת מוזן דער קענין · אונ וועט ווייטר מוזין ערינכט זיי
מיט גאט :